NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03415

DER POYLISHER MAGNAT

L. O. Levanda

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

№ 155

ל. לעוואַנדע

דער פּוילישער
מאגנאט

באַארבעט דורך פּ. האַלפּערן.

פערקויף: געז. „צענטראַל“ וואַרשאַ.

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA, NOWOLIPKI 8.

אין די באַטייגען פון די טייכן אָדער אין ווייכסל האָבן פאַרצייטן געוווינט פאַרשידענע סלאַווישע שבטים, וועלכע האָבן זיך סוף־כל־סוף פאַראייניקט און באַקומען דעם נאָמען פּאָליאַנער. זייער לאַנד האָבן זיי גערופן פּוילן. שפּעטער האָבן זיך די פּאָליאַנער אָנגעהויבן רופן פּאָליאַקן.

די ערשטע צייט האָבן אין פּוילן רעגירט הערצאָגן און קעניגן. דער אַרט רעגירן איז געווען אַ קאָנסטיטוציאָנעלער. אין 964 י. פאַר מסטיסלאַוו IV האָט פּוילן אָנגענומען די קריסטלעכע אמונה. אין 1102, ווען אויפן טראָן איז אַרויף באָלעסלאַוו מיטן קרומען מויל, האָט זיך פּוילן צעטיילט אויף גרויס פּוילן און קליין פּוילן און איז בכלל פאַנאַנדערגעפאַלן אויף קליינע הערצאָג־שאַפטן און ביסקופשאַפטן. אין 1038, פאַר קאַזימירן, האָבן זיך די פּוילישע מאַגנאַטן אָדער פּריצים אָנגעשטעקט מיט דעם גייסט פון דער ריטערשאַפט פון מערב, און אין פּוילן געוואָלט באַשאַפן טייל פירשטנטומען, ד. ה. אַזאַ אָרדענונג, ווען יעדער

טייל פון לאַנד איז פאַר זיך אַ מדינה און הייבגט אָפּ פון איר אייגענעם פירשט. עס האָבן זיך אין פוילן אָנגעהויבן שלעכטע צייטן, ווען די פּריצים פלעגן אָנפאַלן איינער אויפן צווייטן און אָפּנעמען איינער ביים צווייטן גאַנצע שטיקער לאַנד. פאַר באָלעסלאַוו דעם III, אין 1147 י. איז די מאַכט פון די פּריצים אויסגעוואַקסן ביז דער העכסטער מדרגה. אָן זייער הסכמה האָט מען שוין גאָרנישט געקענט טאָן. די זיינען געוואָרן פולקום זעלבשטענדיק און האָבן אָנגעהויבן דריקן די גייסטלעכשאַפט, אונטערטעניק מאַכן די אָרימע שליאַכטע און פאַרקנעכטיקן די נידעריקערע קלאַסן. פאַר קאַזימיר דעם גרויסן האָבן זיך די פּריצים פאַראייניקט מיט דער גייסטלעכשאַפט און זיינען אַרויסגעטראָטן אַנטקעגן דעם קעניג. קאַזימיר האָט זיך נישט געלאָזט. נאָר סוף כל סוף האָבן דאָך די פּריצים דערגרייכט אַלץ, וואָס זיי האָבן געוואָלט און האָבן באַקומען די ערשטע שטים אין דעם קעניגרייך.

עס זיינען געווען אין פוילן קעניגן, וועלכע ס'איז געלונגען אָפּטמאָל אַריינצונעמען אין די אייגענע הענט די גאַנצע מאַכט. נאָר אַזעלכע זיינען געווען ווייניק. דאָס רוב האָבן זיי זיך נאָר גערופן קעניגן, האָבן אָבער קיין מאַכט נישט געהאַט. די גאַנצע מאַכט האָט געהערט צו די סיימען און צו די קליינע סיימיקעס, און סיי אין די סיימען, סיי אין די קליינע סיימיקעס האָבן באַלעבאַטעוועט די פּריצים, וועלכע האָבן געוויילט קעניגן, לכתחילה נישט צו פאָלגן זיי. די אָרימע שליאַכטע, וועלכע האָט נישט געהאַט קיין אייגענע גיטער, האָט געלעבט נאָר דערפון, וואָס די גרויסע פּריצים פלעגן זיי צוּוואַרפן. פאַרשטייט זיך, אַז די אָרימע שליאַכטע איז געווען אָפּהיינגיק פון די גרויסע פּריצים. דאָס פאָלק—איז געווען אינגאַנצן פאַרקנעכטיקט און פאַררעכנט ביי די פּריצים, ווי בהמות. די פּוילישע געזעצן האָבן געמאַכט די פּריצים פאַר פולקומע באַלעבאַטים איבער דעם לעבן, איבער דער ערע און איבער אַלץ, וואָס די פּויערים האָבן געהאַט. די יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין לאַנד, האָט מען נאָך נידעריקער געהאַלטן, באַזונדערס די,

וועלכע די פריצים האָבן נישט געקענט אויסנוצן פאַר זייערע צוועקן. פאַר איין יידן טויטן האָט מען צום געריכט קיין פריץ נישט געקענט צוציען, נאָר ערשט, ווען דער פריץ האָט זיבן יידן געטויט, איז ער געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן געריכט. עס איז געווען צו באַקענען זיך מיט די מעשים פון די באַרימטע פירשטן ראַדזיוויל, כדי מען זאָל פאַרשטיין ווי די מאַגנאַטן האָבן זיך באַצויגן צו די יידן פאַר די לעצטע יאָרן פון דעם פריצישן באַלעבאַטעווען אין פּוילן.

די ערשטע יידן האָבן זיך באַוויזן אין די פּוילישע געמיינדעס אין IX יאָרהונדערט. טיילווייז זיינען זיי אַריבערגעגאַנגען אַהער פון די ברעגן קאַווקאַז, וואו זיי האָבן געוואוינט צווישן די כאַזאַרן, און טיילווייז פון גערמאַניע, וואו זיי זיינען געווען שטאַרק פאַרפאָלגט פון די קריסטן.

די סלאַווישע שבטים, וואָס האָבן געוואוינט אין פּוילן, זיינען געווען געצנדינער, רואיקע, גאַסטפריינטלעכע מענטשן, און האָבן זיך באַצויגן טאָלעראַנט צו פרעמדע אמונות. דער גוטער שם, וואָס דידאָזיקע סלאַוון האָבן געהאַט, האָט צו זיי צוגעצויגן יידן און אַנדערע פאַרפאָלגטע מענטשן פון פאַרשידענע קאַנטן. אין 893 יאָר האָבן די גערדיקטע דייטשע יידן געשיקט אַ דע־פּוטאַציע צו דעם פּוילישן הערצאָג לעשעק, בעטן אַ דערלויבעניש צו באַזעצן זיך אין די פּוילישע געמיינדעס. די דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן און אין 894 יאָר האָבן גאַנצע מאַסן יידן אַריבערגעוואַנדערט קיין פּוילן. זיי איז אויך דערלויבט געוואָרן קויפן ערד און פאַרנעמען זיך מיט פעלדאַרבעט, באַזעצן זיך אומעטום אין גאַנצן לאַנד, וואו זיי ווילן, אָפּהיטן זייער אמונה, פאַרנעמען זיך מיט מסחר און מלאכה. נאָך מער—מען האָט זיי דערלויבט צו האָבן זייער אייגענעם בית־דין. די יידן האָבן דאָ געלעבט רואיק, ערלעך געאַרבעט און געבענטשט זייער נייע פאָטערלאַנד. זיי האָבן דאָ אַנטוויקלט דעם מסחר, וועלכער איז ביז זיי אין דידאָזיקע ערטער געווען אומבאַקאַנט. דאָס איז

געווען די גליקלעכסטע צייט פֿאַר די יידן אין פּוילן. און זי האָט זיך געצויגן ביז 1370 יאָר,—די גאַנצע צייט, וואָס אין פּוילן האָט רעגירט די דינאַסטיע פֿון פּיאַסט. לויט דער לעגענדע איז דער ערשטער פֿון די פּיאַסטן געוואָרן קעניג אין פּוילן אַ דאַנק דעם יידן אברהם פּראָכאָווניק.

אין 1264 י. האָט דער קעניג באָלעסלאַוו דער IV געגעבן די יידן נייע פּריווילעגיעס און באַשטעטיקט די אַלטע. צווישן די דאָזיקע פּריווילעגיעס איז געווען אויך דאָס רעכט צו האָבן אַן אייגענעם ועד—פֿאַרזאַמלונג—פֿון קהילות, וועלכן עס זיינען געווען אונטערגעוואָרפֿן נישט נאָר די רעליגיעזע ענינים, נאָר אויך די ציווילע. אַזויאַרום האָבן יידן באַקומען אַ גרויסע זעלבשטענדיקייט, ברייטע אויטאָנאָמישע רעכט. קאַזימיר III דער גרויסער, באָלעסלאַווס אייניקל, האָט די אַלע רעכט באַשטעטיקט. דערדאָזיקער קאַזימיר האָט געלעבט מיט אַ יידישע פֿרוי, וועלכע איז באַוואוסט מיט דעם נאָמען אסתרקע. ער האָט מיט איר געהאַט קינדער, פֿון וועלכע עס האָבן זיך אָנגעהויבן פֿיל באַרימטע פּוילישע פֿאַמיליעס.

נאָר קאַזימיר דער גרויסער איז אין 1370 יאָר געשטאָרבן. ער איז געווען דער לעצטער קעניג פֿון דער משפּחה פּיאַסט. און מיט אים האָט זיך פֿאַרענדיקט אויך די גוטע צייט פֿון דעם פּוילישן יידנטום.

נאָך קאַזימיר דעם III איז אויפֿן פּוילישן טראָן אַרויף לודוויק אַנזשואַ, און פֿאַר אים האָבן זיך שוין אָנגעהויבן רדיפֿות אויף יידן. די קאַטוילישע גייסטלעכשאַפֿט האָט אָנגעהויבן רייצן דאָס פֿאָלק אויף זיי. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פּאָגראָמען און הריגות. אין איינעם אַזאַ פּאָגראָם איז געטויט געוואָרן די באַרימטע אסתרקע. שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן נויטן די יידן שמדן זיך. די יידן האָבן געמוזט טראָגן אַ שאַנדצייכן אויפֿן רוקן—אַ לאַטע פֿון רויטן געוואַנט. סיזיגמונד דער I האָט באַפֿוילן, יידן זאָלן טראָגן געלע היטעלעך אויף די קעפּ. אין 1454 האָט מען ביי די יידן אָפּגענומען דאָס ביסל רעכט. דעם יידנס לעבן, זיין ערע און זיין פֿאַרמעגן זיינען געבליבן אויסן דעם געזעץ. כּדי

צו פאַרהיטן זיך דעם קיום, האָבן די יידן געמוזט זוכן גענאָד ביי די פאַרשייטע פריצים, און נאָכגעבן זיי אַלע זייערע משוגעתן און אויסשטיין פון זיי אַלערליי דערנידערונגען.

די פּוילישע פריצים, וועלכע האָבן זיך אויפגעפירט ווי די קע־ניגין, מיט די גרויסע הויפן, מיט די פולע באַדינער, מיט די גרויסע בעלער און האָבן אויף זייערע ווירטשאַפטן קיין השגחה נישט געגעבן, פלעגן שטענדיק [illegible] צו יידן, ווען זיי האָבן זיך גענויטיקט אין געלט. די יידן זיינען געווען טיכטי־קע און פּראַקטישע מענטשן, פלעגן זיי איבערגעבן דעם יידן די פאַרוואַלטונג איבער זייערע גיטער, איבער זייערע לייבקנעכט, האָבן אים אויסגענוצט אַלס אַ באַשיקטן פאַקטער אין אַלערליי פינאַנסאָפעראַציעס. אין אַ שווערער צייט פלעגט פאַרן פריץ דערזעלבער מאָשקע, וועלכן ער פלעגט מכבד זיין מיט דער נאַהייקע און אויסרייסן ביי אים באָרד און פאות, ווערן דער בעל יועץ, וועלכער האָט אים געמוזט מציל זיין פון אַלע זיינע צרות. פאַרשטייט זיך, די לאַגע פון דעם יידן האָט קיינמאָל נישט געקאָנט זיין קיין זיכערע, און בשעת די פריצים פלעגן פאַרבריינגען זייערע טעג און יאָרן אין מאַלצייטן און אין פאַ־ליעוואַניעס און אין איבעריקע הוליאַנקעס, אויף וועלכע עס פלעגן זיך גיסן טייכן ווייין, האָט דער ייד געמוזט זיך אָפּזאָגן אין סאַמע נויטיקן, כדי אָפּצושפּאָרן זיך אַ גראָשן אויף אַ שלעכ־טער צייט, ווען ער וועט דאַרפן אָדער אונטערקויפן דעם פּריץ, צי זיינע פאַוואָריטן, אָדער גאָר אויסוואַנדערן פון דער היים.

אַזאַ איז געווען דער צושטאַנד פון די יידן אין פּוילן אין די XVI, XVII און XVIII יאָרהונדערטן: שטענדיק אָנגעשראָקענע, שטענדיק נידערגעשלאָגענע, שטענדיק געצווונגען אויסצופירן דעם ווילן פון די אַלמעכטיקע פריצים, שטענדיק פאַרהאַסט און גע־רודפט, שטענדיק מיט אַ שאַנדפלעק אויפן רוקן. נאָר נישט קוקנדיק דערויף — מיט אַ שטאַרקער ליבע צום געבורטלאַנד אין האַרצן, מיט באַוואוסטזיניקער, צי אומבאַוואוסטזיניקער דאַנק־באַרקייט צו דעם לאַנד, אין וועלכן זיי האָבן אַמאָל געהאַט

בעסערע צייטן און מיט איבערגעגעבנקייט צו דעם פאָלק, וועלכער האָט זיי פאַרצייטנס אַזוי מענטשלעך אויפגענומען און נאָכדעם צוזאַמען מיט זיי אַזוי אומדערטרעגלעך געליטן פון די באַדריקער די מאַגנאַטן; שטענדיק גרייט האַנט ביי האַנט מיט געווער אין שלאַכטפעלד צו קעמפן אַנטקעגן די אַלגעמיינע שונאים פון די אַרומיקע פעלקער. דאָס לעצטע האָבן די יידן דערוויזן אין דעם קאַמף, וואָס דאָס פוילישע פאָלק האָט געפירט מיט די פאַרקנעכטיקער פון פוילן—די רוסישע צאַרן און די דייטשע קייזערן אין אַ רייע אויפשטאַנדן אין XIX יאָרהונדערט.

די משפחה פון די פירשטן ראַדזיוויל איז זייער אַן אַלטע פון ליטווישער אָפּשטאַמונג. דער ערשטער פון דער משפחה, לויט דער לעגענדע, איז געווען אַ געצנדינערישער פריסטער. שפּעטער האָבן די פירשטן ראַדזיוויל אָנגענומען דאָס קריסטנטום. פאַרשיידענע פאָרשטייער פון דערדאָזיקער משפחה האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער געשיכטע פון פוילן און ליטע. זיי האָבן פאַרנומען די העכסטע שטעלעס אַלס פעלדהערן, אַדמיניסטראַטאָרן און אַלס גייסטלעכע פון דער העכערער יעראַרכיע אין דער קאַטוילישער קירך. פון זיי זיינען געווען אויך שריפטשטעלער און פּאָעטן. זיי האָבן זיך געפירט גרויס, כמעט קעניגלעך, מיט רייכע הויפשטאַטן, מיט אייגענע מחנות פון רעגולערן מיליטער.

דער פירשט ראַדזיוויל, וועלכער איז באַוואוסט אונטערן נאָמען „פּאַניע קאָכאַנקו“, דער העלד פון דער פאָרגעלייגטער דערציילונג, האָט געלעבט אין XVIII יאָרהונדערט. ער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין זיין צייט אין דעם פּאָליטישן לעבן פון פוילן. אין זיין צייט האָט שוין פוילן אָנגעהויבן צופאַלן ווערן ווי אַ מלוכה. ער האָט, ווי פיל אַנדערע פון זיינע עלטערן, געהאַט אַן אייגענע אַרמיי און האָט אָנטיילגענומען אין די מלחמות, וואָס זיינען געפירט געוואָרן מיט די רוסן. ווען

די שמאָט נישוויז,—די רעזידענץ פון די ראַדזיווילס, צו וועלכע עס האָט געהערט „פּאַניע קאָכאַנקו”,—איז פאַרנומען געוואָרן דורך די רוסן, איז „פּאַניע קאָכאַנקו” אַנטלאָפן קיין טערקיי. שפּעטער האָט אים די קייזערין קאַטערינא דערלויבט אומצוק[illegible] זיך אין זיינע גיטער.

לעוואַנדאָס בוך, וואָס ווערט דאָ מער אָדער ווייניקער פריי און פאַרקירצט איבערגעגעבן אין יידיש, גיט אַן אָביעקטיוון בילד פון דעם יידישן לעבן אונטער איינעם פון די פּוילישע מאַגנאַטן—נעמלעך „פּאַניע קאָכאַנקו”, פירשט ראַדזיוויל, אין XVIII י. ה. דער מחבר האָט נישט קיין משוא פנים פאַר די יידן, וועלכע ער אידעאַליזירט נישט, הגם זיי זיינען די ליידנדיקע, און פאַרדעקט אויך נישט די ליכטיקערע דערשיינונגען פון דער פּוילישער געזעלשאַפט. אַזוי ווערט דאָ פאָרגעשטעלט דער פּראָבסט אַלס אַן איידעלער מענטשנפריינט; די אָרימע שליאַכטע, וואָס גרופּירט זיך אַרום ראַדזיווילס שלאָס, אַלס אַ שטאַנד, וועלכן זיינען קיין מענטשנפריינטלעכע געפילן נישט פרעמד, נישט קוקנדיק אויף די אַלע לעכערלעכע זייטן פון זייערע שטאַנדנגלויבונגען און פאָרשטעלונגען. די האַנדלונג פון דער דערציילונג וויקלט פאַנאַנדער אַ ברייטע פּערספּעקטיוו פון דעם צוזאַמענלעבן פון צוויי באַזונדערע פעלקער אויף איין טעריטאָריע און אונטער איין מאַכט, ווי אויך דאָס אינערלעכע אָפּגעזונדערטע לעבן פון יידן באַזונדער. פאַר דער יוגנט איז דאָ אין דעם בוך אַ פו ע מאַטעריאַ צום קאָנקרעטן אויפפאַסן פון דעם יידישן לעבנשטייגער אין דער געגעבענער עפּאָכע—די צייט וואָס שטייט אויפן גרעניץ פון דער נייער געשיכטע, וואו עס הויבט זיך אָן די פּאָליטישע און סאָציאַלע באַפרייאונג פון די אייראָפּייאישע פעלקער. די באַשרייבונגען, אָפּטמאָל געניט קינסטלערישע, פון לעבנשטייגער, וואָס דאָסדאָזיקע בוך שטעלט פאָר, קאָן דינען אַלס אַ רייכער מאַטעריאַל פאַר זייער אינטערעסאַנטע רעפעראַטן אין די יוגנט־קרייזלעך פאַר זעלבסטבילדונג. און דאָס איז דער טעם, וואָס מיר האָבן גערעכנט פאַר נוצלעך אַרויסצוגעבן דידאָזיקע לעוואַנדעס ווערק אין יידיש.

א.

די בלעטער פון דיביימער האָבן געדאַרט פון דער גרוי־סער היץ. די פעלדער און די גערטנער זיינען אויסגע־ברענט געוואָרן. און אַז עס איז אָנגעשטאַנען דער אָוונט, האָבן די נישוויזער איינוואוינער פרייע־ אָפּגעאָטעמט. טירן און פענסטער זיינען אומעטום געשטאַנען אָפן, פאַר גנבים האָט מען נישט מורא געהאַט. אין יענער צייט איז נישוויז דורכויס געווען באַ־זעצט פון יידן, און אויסער דעם שלאָס פון פירשט ראַדזיוויל, וואָס איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט פון שטאָט, האָבן דאָ כמעט קיין גויים נישט געוואוינט. די פאָר גויים, וואָס האָבן באַדינט די יידן—שבת אַראָפּגענומען די לייכטער און געהייצט די אויוונס, האָט מען כמעט ווי פאַר גויים נישט גערעכנט. פראָכאָר דער באָד־גוי האָט גערעדט יידיש נישט ערגער פאַר יעדן יידן און האָט געהאַט אַ טבע אַריינצומישן אין זיינע רייד ווערטלעך פון דער גמרא און פון מדרש. די יידישע קינדער האָבן אים אַפילו גערופן ר ב י פ ר אָ כ אָ ר, און טאָמער האָט זיך געפונען אַן

עזות־פנים, וואָס האָט אים דעם טיטל „רבי" נישט געגעבן, פלעגט דער אַלטער גוי אויף אים אָנשרייען:

—שייגעץ דו, האָסט קיין דרך־ארץ נישט פאַר עלטערע, אַ משומד וועט פון דיר אַרויסוואַקסן!

איין זאַך נאָר האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין ייד— וואָס מען פלעגט אים זען אַ שיכּורן פאַלנדיק פון די פיס. אָבער דאָס האָט געטראָפן נאָר אום שבת, ווען ער פלעגט קריגן פאַר אַראָפּנעמען די לייכטער ביי יעדן באַלעבאָס אַ גלעזל בראָנפן און אַ המוציא חלה. דעמאָלט פלעגט ער ווערן שיכּור און איז אַרומגעגאַנגען איבער דער גאַס, זינגנדיק די שבתדיקע זמירות.

נאָר קיין גנב איז רבי פראָכאָר נישט געווען.

האָבן נישוויזער יידן נישט געהאַט פאַר וועמען מורא צו האָבן, און פאַרשליסן פלעגן זיי נאָר די שטאַלן, נאָר כּדי די קי און די ציגן זאָלן נישט אַרויס און נישט לאָזן זיך אין היזק. די פאַרלעצטע טעג אָבער האָט מען אַפילו די שטאַל אויך נישט פאַרמאַכט, מחמת פון גרויס היץ האָבן זיך די בהמות געפוילט אויפצוהויבן פון אָרט.

אין דעמדאָזיקן אָוונט אָבער איז נישוויז געווען באַלעבט. גרויס און קליין האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן שולהויף, וועלכער איז געווען אַרומגעבויט מיט הילצערנע הייזער, גרויסע און קליינע, צווייגאָרנדיקע הויכע און אויף דער העלפט אין דער ערד פאַרזונקענע נידעריקע, געדעקטע מיט גאָנטעס און מיט שטרוי. מעריב האָט מען שוין אין גרויסן בית־המדרש לאַנג אָפּגעדאַוונט, און דער עולם איז זיך נישט פאַנאַנדערגעגאַנגען. די הויכגעוויקסיקע האָבן זיך געשטעלט אויף די שפּיצן פינגער, אויסגעצויגן די העלזער און געמיט זיך אַריינצוקוקן אין די פענסטער פון צווייטן גאָרן פון אַ הויז, וואָס האָט זיך פון אַלע אַרומיקע הייזער אויסגעצייכנט מיט די שיינע אויסגעקאַלכטע קוימענס איבערן דאַך. ביי דער טיר פון דעראָזיקער הויז איז געשטאַנען דער שמש ר׳ צדוק מיט זיינע צוויי אונטערשמשים, די קאַנטשיקעס אין די הענט, און פאַנאַנדערגעטריבן דעם עולם, וואָס האָט זיך געשטופּט אַריינצוגיין אינעווייניק.

דאָס איז געווען די קהל־שטוב, און אין דעמדאָזיקן אָוונט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע אספה, וואוהין די ווייסע חברה האָט זיך געסטאַרעט אַריינשטופּן זיך. פון רבי צדיקן און פון זיינע צוויי געהילפן האָט נעבעך געגאָסן טייכן שווייס, קעמפנדיק מיט דער ווייסער חברה. פלוצלונג האָט זיך פון איין פענסטער אַרויסגערוקט אַ געלער קאָפּ אין אַן אַלטער יאַרמלקע, איינגעטונקט אין פעדערלעך און האָט אַ רוף געטאָן:

—צדוק! ביזט געווען ביי רבי שכנאן?

—ווי זשע דען? איך בין ניט געווען?—האָט רבי צדוק צוריק געפרעגט.

—נו, איז וואָס?

—ער האָט געזאָגט, אַז באַלד קומט ער.

—באַלד!—האָט דער רויטער קאָפּ איבערגעקרימט.—שוין צוויי שעה, אַז מיר וואַרטן. לויף נאָכאַמאָל אונטער. זאָג, אַז גאַנץ קהל איז שוין דאָ, און מען וואַרט נאָר אויף אים. דער רב, זאָל לעבן, איז שוין אויך געקומען.

רבי צדיק האָט זיך אומצופרידן פאַרקרימט און גענומען גראַבלען אין קאָפּ—אים האָט זיך נישט געוואָלט אין אַזאַ חמימא שלעפּן זיך ווידעראַמאָל אַזאַ ווייטעניש צו רבי שכנאן, וואָס זיין הויז שטייט אין עק שטאָט נישט ווייט פון דוכס שלאָס. אָבער וואָס טוט מען, אַז רבי גדליה, דער שרייבער פון דער קהלה, הייסט, העלפן קיינע טענות נישט, דאַרף מען גיין. רבי גדליה איז טאַקע נישט קיין תלמוד־חכם, אָבער אָפּרעכענען זיך, ווען מען פאָלגט אים נישט, האָט ער זיך אויסגעלערנט פון די תלמידי חכמים, צווישן וועלכע ער רייבט זיך תמיד. האָט רבי צדוק איבערגעגעבן דעם קאַנטשיק צו זיין געהילף, האָט אָנגעזאָגט, מען זאָל די „שקצים" נישט אַריינלאָזן אין קהל־שטוב, און זיך אַוועקגעשלעפּט צו רבי שכנאן.

ווער איז דער רבי שכנא, אויף וועלכן קהל צוזאַמען מיטן רב וואַרטן מיט דער אספה!

רבי שכנא איז דער גביר פון שטאָט. נישט קיין קליינער מענטש. זיינע געשעפטן גרייכן פון מינסק ביז פינסק און פון באָברויסק

ביז בריסק. הונדערטער יידישע משפחות לעבן אַרום אים און דאַנקען גאָט, וואָס ער האָט זיי צוגעשיקט אַזאַ גוטן באַלעבאָס. נאָך זיין עשירות נאָך, וואָלט רבי שכנא געקאָנט פאַרנעמען אַן אָרט צווישן די גבירים פון די גרעסטע שטעט. ער האָט אָבער געמוזט פאַרבלייבן וואוינען אין נישוויז צוליב זיינע עסקים מי׳טן דוכס ראַדזיוויל, וואָס איז באַוואוסט אונטער נאָמען „פאַניע קאָכאַנקו“*). מ׳האָט אים אַזוי גערופן, ווייל דאָס איז געווען זיין באַליבט ווערטל, מיט וועלכן ער פלעגט זיך ווענדן צו אַלעמען, אַפילו צו דעם, וועמען ער פלעגט פאַרמשפטן צום טויט. מיטן דאָזיקן ראַדזיוויל האָט רבי שכנא געפירט געשעפטן, און פון אים איז ער רייך געוואָרן. און דערדאָזיקער ראַדזיוויל האָט געזאָגט:

—מיין ייד, פאַניע קאָכאַנקו, דאַרף שטענדיק זיין נעבן מיר, כדי איך זאָל אים קאָנען אויפהייבגען, אָדער שפילן מיט אים אין שאָך צו יעדער צייט, ווען מיר פאַרגלוסט זיך. וואָרום מיט וועמען אַנדערש זאָל מען דאָ מאַכן אַ שאָך, אַז אַלע מיינע מענטשן זיינען בהמות—נישט אַזוי, פאַניע קאָכאַנקו?

—איך ווי׳ס נישט, אַלמעכטיקער פריץ,—האָט רבי שכנא געפרובט אַרויסדרייען זיך פון אַן ענטפער, מחמת ער האָט געוואוסט, אַז דעם פירשטס מענטשן—דאָס זיינען די פריצים, זיינע מקורבים.

*

אָבער דער דוכס איז אין כעס געוואָרן.

—וואָס? דו האָסט די העזה צו זאָגן, אַז דו ווייסט נישט? אַ ייד, פאַניע קאָכאַנקו, איז מחויב אַלץ צו וויסן. און אויב דו אַליין ווייסט נישט, זאָג איך דאָך דיר, אַז בהמות זיינען זיי אַלע. ווי זשע דערלויבט זיך אַזאַ הינטיש בלוט ווי דו, פאַניע קאָכאַנקו, צו זאָגן, אַז דו ווייסט נישט?

—מסתמא ביזטו גערעכט,—האָט ר׳ שכנא סוף-כל-סוף געמוזט מסכים זיין.

—אודאי בין איך גערעכט,—בהמות. אָבער וויסן זאָלסטו, אַז דער

---

*) ליבער פריץ.

דוכס ראַדזיוויל אַליין איז אויך אַזאַ בהמה, ווי זיי אַלע. אפשר נישט, פּאַניע קאָכאַנקאָ?—האָט דער דוכס פאַרלייגט די הענט אויף הינטער, צוגערוקט זיין רויטן פּנים סאַמע צו ר׳ שכנאס באָז און אים געקוקט גלייך אין זיינע קלוגע אויגן אַריין.

ביי ר׳ שכנאן איז שיר די נשמה נישט אַרויס פון שרעק.

—דער דוכס ראַדזיוויל איז... אַ מעכטיקער הערשער ווי דער קעניג אַליין,—האָט ער קוים אויסגערעדט שטאַמלענדיק.

—אַ הערשער... דער קעניג...—האָט זיך ראַדזיוויל פאַרקרימט.—ווער ווייס דען נישט, אַז איך בין אַ הערשער און אַז איך לאַך פון קעניג. וואָרום וואָס איז ביי מיר אייער קעניג?—אַ קבצן, אַ קנעכט ביי קנעכט, און ראַדזיוויל איז ראַדזיוויל. אָבער דאָס איז עפּיס אַנדערש. איך זאָג דיר, אַז ראַדזיוויל איז אַ בהמה, דאַרפסטו, פּאַניע קאָכאַנקאָ, גלויבן, וואָרום ראַדזיוויל זאָגט קיינמאָל קיין ליגן נישט.—הם—האָט ער זיך אינמיטן ווי דערוואָרגן מיט די ווערטער, דערמאָנענדיק זיך, אַז באמת האָט ער גאָר קיין ליגן נישט פיינט.—נו, איז וואָס זשע זאָגסטו, פּאַניע קאָכאַנקאָ, איז ראַדזיוויל נישט קיין בהמה?

ר׳ שכנא האָט זיך געקראַצט דעם שלייף ביז בלוט און האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט.

—הייסט עס, ביזטו מיר דערווידער?—איז דער דוכס אין כעס געוואָרן.—העי, היידוקן!

גלייך האָבן זיך אויפן שוועל פון דעם קאַבינעט, וואו דער דוכס האָט געשמועסט מיט „זיין יידן”, באַוויזן באַוואָפנטע היידוקן, גרויסע און געזונטע ווי די ריזן. רבי שכנא איז אַ טויטער געבליבן. ער איז געפאַלן דעם דוכס צו די פיס:

—אַלמעכטיקער פּרינץ! זאָל זיין, ווי דו זאָגסט. איך וואַג מיך נישט צו ריידן אַנטקעגן.

—ביזטו מסכים, הינטיש בלוט, פּאַניע קאָכאַנקאָ? צו וואָס ביזטו מסכים?—האָט זיך דער דוכס אָנגעבויגן איבער דעם קניענדיקן רבי שכנא,—רייד קלאָרע דיבורים.

—איך... איך... אַלמעכטיקער פּרינץ... אַ בהמה... אַ קליין בהמלע.

—ניין, פאַניע קאָכאַנקו,—האָט דער דוכס פאַרריכט,—נישט קיין קליינע, נאָר אַ גרויסע, זייער אַ גרויסע.
—געוויס איז דער דוכס גערעכט... איך דערווידער נישט.

—אָט אַזוי איז גוט,—האָט דער פירשט אַ קנאַק געטאָן מיט די פינגער.—אויף אמת האַלט זיך די וועלט, זאָגט מען. שטיי אויף, פאַניע קאָכאַנקו, ביזט אַ קלוג יידל. גייסט ריין געקליידט און שפּילסט גוט אין שאָך. דו געדיינקסט, ווי מיר האָבן געשפּילט אין קרעטשמע? דו האָסט מסתמא געמיינט, אַז מיט דיר שפּילט עפּיס אַ פּריצל אַ דלפון? נאָר דו ביזט מיר געפעלן. דו שפּילסט אויסגעצייכנט און רעדסט גוט פּויליש. דעריבער נעם איך דיך צו זיך. ווילסטו מיר דינען געטריי?
—מיטן גאַנצן האַרצן.
—ווי אַ געטרייער הונט?
—ווי צען הינט.
—דאָס געפעלט מיר.
און דער דוכס ראַדזיוויל האָט געהייסן אויסבויען פאַר רבי שכנאן אַ הויז מיט אַ גאַנצן הויף נישט ווייט פון שלאָס און האָט באַפוילן, אַז רבי שכנא זאָל אָן זיין דערלויבעניש נישט אַרויספאָרן פון שטאָט.
אַזוי איז ר׳ שכנא געוואָרן דער סוחר פון ראַדזיווילס שלאָס.
ר׳ שכנא האָט אָן שרעק נישט געקענט דערמאָנען די ערשטע באַקאַנטשאַפט זיינע מיטן דוכס. נאָר זינט דעמאָלט זיינען שוין אַריבער פופצען יאָר און רבי שכנאן איז נישט געווען צו דערקענען. זיין רוקן האָט זיך אויסגעגלייכט. ער האָט געקראָגן אַ בייכל, איז געוואָרן אַ גרויסער גביר, דער ערשטער אין שטאָט און מען האָט אים אַפילו געקרוינט מיטן טיטל „מורנו״. דער דוכס האָט אים ליב געהאַט, און אַלע פריצים, וואָס האָבן זיך געריבן אַרום שלאָס, האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט גרויס אַכטונג.
ר׳ שכנא האָט אין זיין גליק נישט פאַרגעסן אָן זיינע ברידער און האָט אויסגענוצט די גוטע באַציאונגען פון דעם דוכס לטובת

די שטאָטישע יידן, וואָס פֿאַרן פֿירשט „פּאַניע קאָכאַנקו" האָבן זיי אָנגעהויבן צו לעבן נישט ערגער ווי פֿאַר ראַדזיוויל דעם שוואַרצן, וועלכער האָט פֿיל טובות געטאָן יידן צי מחמת ליב־שאַפֿט צו זיי, צי מחמת פֿיינטשאַפֿט צו די יעזואיטן, וואָס ער האָט זיי נישט געקאָנט ליידן, ווייל ער איז געווען אַ קאַלווינער.

אָבער פֿאַר נישוויזער יידן זיינען אָנגעשטאַנען שווערע צייטן. דער דוכס האָט פּלוצלונג פֿאַרלאָזט דעם נישוויזער שלאָס און האָט זיך באַזעצט אין זיין שלאָס „באַליבאָק" אין בעלסק. נישוויז האָט דעמאָלט פֿאַרלאָרן איר גאַנצן גלאַנץ. זי איז פֿאַראָרעמט געוואָרן, מחמת דער גאַנצער האַנדל פֿון שטאָט איז געווען אַרום שלאָס. בשעת דער דוכס האָט דאָ געוואוינט, פֿלעגט דאָ שטענדיק זיין פֿול, עס האָט געשווינבלט און געגריבלט פֿון אַלערליי מענטשן, וואָס האָבן געהערט צו די מקורבים זיינע. פֿון זיי האָט די שטאָט געהאַט פּרנסה—די קרעמער האָבן געלייזט פֿאַר שניט, די שיינקער פֿאַר משקה און צובייסן, אָבער ווי דער דוכס איז אַרויסגעפֿאָרן, איז דער שלאָס געוואָרן פּוסט און די שטאָט וויסט. אויפֿן מאַרק האָבן זיך געפּאַשעט ציגן, ווייל ער איז פֿאַרוואַקסן מיט גראָז. די קראָמען זיינען געשטאַנען פֿאַרשלאָסענע און די שיינקען ליידיקע. און קיין פּרנסה איז אין שטאָט נישט געווען.

שוין צוויי יאָר, אַז מען האָט פֿון שלאָס אַראָפּגענומען די שוואַרץ־ווייסע פֿאָנע—אַ סימן, אַז דער דוכס איז נישטאָ, און די אָרימקייט אין שטאָט איז געוואַקסן. מ'האָט געמאַכט אספֿות אין קהל־שטוב, ביי דעם רב אין שטוב, מען האָט געזוכט עצות, ווי צו מאַכן, אַז דער דוכס זאָל זיך צוריק אומקערן. מען האָט גוזר תּענית געווען, מען האָט תּשובה געטאָן—מען האָט געטאָן אַלץ, וואָס מען האָט געקאָנט, כּדי צו דערוועקן גאָטס רחמים אויף דער שטאָט, ער זאָל אומקערן דעם דוכס אין נישוויזער שלאָס. נאָר דאָס האָט אַלץ נישט געהאָלפֿן.

פֿונדעסטוועגן האָט מען זיך נישט מיאש געווען. מען האָט וויי־טער געקליבן אספֿות, און ווייטער געזוכט מיטלען, און ווייטער געטראַכט, אפֿשר וועט פּאָרט דער אויבערשטער רחמנות האָבן. און איינע אַזאַ אספֿה איז אויך אין דעמדאָזיקן אָוונט פֿאָרגעקומען.

ב

נאָר אומזיסט האָט זיך ר׳ צדוק דער שמש מטריח געווען צו שלעפּן זיך אַזאַ ווייטעניש צו ר׳ שכנאן. רחל לאה, ר׳ שכנאס ווייב, אַ הויכע דיקע פרוי, אָנגעטאָן אין שוואַרצן און אָן שום צירונג צוליב די „דריי וואָכן״, האָט אים דערקלערט, אַז איר אַלטער קאָן צו דער אספה נישט קומען.

—ער האָט שוין געוועזט געוואָלט גיין, איז געקומען דער פאַרוואַלטער פון שלאָס און האָט אים פאַרהאַלטן. ער קאָן אָפּזיצן ביז האַלבע נאַכט און אַפילו ביז אינדערפרי. ווארום דאָס איז אַ מענטש, וואָס האָט גיין מאָס רייד.

די איינציקע טרייסט, וואָס רבי צדוק האָט געהאַט, איז וואָס די גבירטע האָט אים מכבד געווען מיט קאַלטן קוואַס און אַריינגערוקט אין האַנט אַ שיינע מטבע—אויף צוקערקעס פאַר די קינדער. ער האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה און איז אַוועק אָנזאָגן, אַז מען זאָל די אספה אָנהויבן אָן דעם גביר.

און אין קאַבינעט ביי ר׳ שכנאן איז געזעסן דער פאַרוואַלטער

פֿון שלאָס, רייטאַן, און האָט אויך געשמועסט וועגן דעם, וואָס דער דוכס האָט פֿאַרלאָזט נעשוויז. דער צימער איז געווען אַ געדרוימער. איין וואַנט איז געווען פֿאַרשטעלט מיט פּאָליצעס, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעשטעלט געווען גרויסע ספֿרים אין רימענע מיט גאָלד געשטיקטע בונדן. רבי שכנא פֿלעגט זעלטן אַריינקוקן אין די ספֿרים, ווייל ער האָט דערויף ווייניק צייט געהאַט. פֿונדעסטוועגן, יעדן מאָל, ווען ער פֿלעגט זיך אומקערן פֿון ווילנע, האָט ער מיט זיך געבראַכט נייע ספֿרים. וואָרום דאָס האָט זיך גערעכנט פֿאַר דער שענסטער צירונג אין אַ יידישער הויז. אויסער די פּאָליצעס מיט די ספֿרים איז דאָס צימער געווען מעבלירט איינפֿאַך. אין דעמדאָזיקן אָוונט איז דער טיש געווען באַדעקט מיט אַ טישטוך. צוויי וועקסענע ליכט אין זילבערנע לייכטער האָבן געברענט אויפֿן טיש, און אַ שיסל מיט צעריבענעם אייז איז געשטאַנען אַ זילבערנע קרוג מיט מעד. צוויי זילבערנע בעכער, ביז העלפֿט אָפּגעטרונקענע, האָבן עדות געזאָגט, אַז דער קרוג שטייט אויפֿן טיש נישט צוליבן פּוץ, אַז די צוויי מענטשן, וואָס זיצן ביים טיש לאָזן זיך וואויל באַקומען. דידאָזיקע צוויי מענטשן זיינען שוין ביידע באַיאָרגטע, ביידע דיקע, ביי ביידן הייגגען פֿולע טראָפּנס מעד אַראָפּ פֿון די גרוילעכע וואָנסן. איינער פֿון די צוויי איז דער באַלעבאָס, ר׳ שכנא אַליין, און דער צווייטער איז רייטאַן, דער פֿאַרוואַלטער פֿון שלאָס. ביידע זיינען זיי גוטע פֿריינט איינער דעם אַנדערן, ביידע באַליבט ביים דוכס, און זיי זיינען אַזוי נאָענט צווישן זיך, אַז זיי דוצן זיך איינער דעם צווייטן.

דערוואַרימטע פֿון דעם אַלטן שטאַרקן מעד, אַ חוץ דער שטאַרקער היץ אין דרויסן, האָבן ביידע פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן די איבעריקע זאַכן. ר׳ שכנא איז געבליבן נאָר אין טלית קטן, און רייטאַן אין איין העמד מיט פֿאַרקאַשערטע אַרבל. נעבן אים איז אויף דער פּאָדלאָגע געלעגן אויסגעצויגן זיין הונט, אָן וועלכן ער האָט קיין טריט נישט געטאָן. ביידע גוטע פֿריינט האָבן געטרונקען און געדרויכערט די ציבוקעס און זיינען געזעסן

פּאַרטראַכט אין טיפע מחשבות.
—וואָס זשע זיצטו, ווי אַ שטומער, שכנא?—האָט רייטאַן איבער־געריסן די שטילקייט.—איך פרעג דאָך ביי דיר אַן עצה, און אויב נישט דו, צו וועמען דען זאָל איך מיך ווענדן?
—איך האָב דאָך געזאָגט—מען דאַרף וואַרטן,—האָט רב שכנא געענטפערט, גלעטנדיק זיין לאַנגע שוואַרצע באָרד, וואָס האָט שוין גענומען גרויען ביי די זייטן.
—נאָך וואַרטן!—האָט רייטאַן אויסגעשריען.—ניין, דאָס איז קיין עצה נישט. אַזוי וועלן אַוועק די ביסל יאָרן, און ס'וועט קיינ־מאָל קיין סוף נישט זיין. דער דוכס פאָרט איצט פון פּאַריז קיין קאַרלסבאַד און דער פּריץ וויסניעווסקי שרייבט מיר, אַז אין קאַרלסבאַד וועלן זיי פאַרבלייבן צוויי חדשים, און אין ווין—דריי. פון ווין פאָרן זיי קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, צי קיין רוים. אויב אין רוים—איז דאָס אַ מעשה אָן אַ סוף. פריער, איידער עס וועט זיך ענדיקן דער קאַרנאַוואַל, וועט ער נישט אַרויס־פאָרן, און דאַן איז שוין פאַסכע—וועט ער ווידער פאַרבלייבן, און פאַר מיר איז יעדער טאָג טייער. איך דאַרף דאָך עפּיס טראַכטן אויך וועגן מיינע אייגענע גיטער, פון וועלכע עס ווערט אַ תל.
—שיק אַהין גוטע עקאָנאָמעס, זיי זאָלן אַכטונג געבן.
—גוטע עקאָנאָמעס! וואו נעמט מען זיי? ס'איז דאָך דורכאויס גנבים און גזלנים. ניין. איך מוז אַליין דאָרטן זיין. און דעם אמת זאָגנדיק—עס איז מיר שוין מיאוס געוואָרן די דינסט ביי דעם דוכס. ער זיצט מיר שוין אָט אָ דאָ.
—יאָ, אָבער דו אַרבעטסט דאָך נישט אומזיסט,—האָט רב שכנא געלאַכט,—אַזעלכע דריי הויפן, ווי דו האָסט אָנגעלעבט, גייען נישט באַרוועס.
—דריי הויפן!—האָט זיך רייטאַן פאַרקרימט.—וואָס איז דאָ אַזוי? דו רעכן אויס, וויפיל מאָל עס אויס פאַר צוואַנציק יאָר קאָנ־טאָרזשנע אַרבעט. דו מיינסט פון כבוד וועגן דין איך ביי דעמ־דאָזיקן משוגע? איך בין מיט גאָטס הילף אַזאַ פּריץ ווי אַלע פּריצים. פאַר סטעפּאַן באַטאָרי איז מיין משפחה געווען זייער

געאַכֿט. פון דער מאַמעס צד שטאַם איך פון העטמאַן כֿאָדקע־וויטש—וואָס זשע איז מיר די דינסט ביי ראַדזיווילן? נאָר גאָר נישט, כּל זמן איך בין געווען יונגער, האָט עס מיך נישט גע־אַרט. איצט בין איך שוין באַלד ביי פופציק יאָר, דאַרף מען שוין עפּיס וועגן זיך אַליין טראַכֿטן. און בפרט, בפרט אַז...

—וואָס בפרט? — שוי נישט, רייד,—האָט רב שכֿנא צוגעטריבן מיט פאַרשנדיקע בליקן אָנקוקנדיק זיין חבר, וועלכֿער האָט זיך אין מיטן אָפּגעשטעלט, צופּנדיק זיך די וואָנסן אין אַלע זייטן.

—איך דאַרף דיר נאָך עפּיס זאָגן, מיין פריינט,—האָט רייטאַן ווידער אָנגעהויבן, נאָך דעם אַז ער האָט זיך אָפּגעהוסט און אַ גלעט געטאָן איבער דעם געשווירענעם קאָפּ.—איך דאַרף דיר דער־ציילן אַזאַ זאַך, וואָס קיינער ווייס נאָך נישט, און וואָס איך האָב קיינעם לעת עתה נישט געוואָלט דערציילן. נאָר לאָמיך פריער זיך אָננעמען מיט מוט אין בעכֿער, וואָרום איך שעם מיך.

פון גרויס נייגעריקייט צו דערוויסן זיך, וואָס אַזוינס האָט ריי־טאַן צו דערציילן, האָט זיך רב שכֿנא אַ כֿאַפּ געטאָן אָנצוגיסן אים דעם בעכֿער און האָט פאַרגאָסן דעם מעד אויפן טישטוך.

—אָ, מיין אַלטע וועט עס מיר נישט מוחל זיין,—האָט ער גע־זאָגט.

—נישקשה,—האָט רייטאַן געלאַכֿט,—איך נעם אויף זיך די שולד. שכֿנאָווא וועט עס מיר מוחל זיין.

ער האָט אויסגעטריקען דעם בעכֿער, אָפּגעווישט די וואָנסן און פאַררויכֿערט זיין ציבוק.

—איצטער, שכֿנא, רוק זיך צו נאָענטער און הער. קיין וואונדער איז דאָ נישטאָ, נאָר פאַר מיר איז דאָס זייער וויכֿטיק—איך האָב באַשלאָסן התונה האָבן...

—התונה האָבן?—האָט זיך שכֿנא אָנגערופן אַן אַנטוישטער, ווייל ער האָט געמיינט, גאָט ווייס וואָס פאַר אַ סוד מען וועט פאַר אים אַנטפּלעקן.

—יאָ, התונה האָבן,—האָט רייטאַן ווייטער גערעדט,—און ווערן אַ מענטש. הפנים, ס׳איז נאָך נישט צייט?

—יאָ, שוין צייט.

—און אַ כלה האָב איך אַ שיינע, אַ דערצויגענע, און צוויי דער־פער נדן האָט זי. און איך געפעל איר. יאָ... קוק נישט דע־רויף, וואָס מיר ענדיקט זיך דער פינפטער צענדליק—איך קען נאָך געפעלן ווערן. און ס׳איז זיך נישטאָ וואָס צו וואונדערן, וואָס דער שיינער עליזאַבעטע בין איך אויך געפעלן. איך האָב איר שוין געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך וויל זי און זי איז מסכים. איר טאַטן, דעם משוגע, האָב איך שוין אויך געוואונען אויף מיין זייט. ס׳איז נאָר שלעכט, וואָס יונגע בחורים דרייען זיך אַרום איר, און קאָנען זי אויסכאַפּן—אָט פאַרוואָס איך וויל וואָס גיכער באַפרייען זיך פון מיין שטעלע ביי דעם דוכס.

—פאַרוואָס זאָלסטו אים נישט אָנשרייבן וועגן דעם אַלעם אין אַ בריוו?

—אַז ער איז פון ווייטן, וויל ער פון קיין זאַך נישט וויסן, און קיינמאָל ענטפערט ער נישט, אויף וואָס מען שרייבט אים.

—אויב אַזוי מוז מען וואַרטן, ביז ער וועט קומען.

—און וואָס אַרט מיך, אַז איך וועל שוין אַוועק?—איז רייטאַן אין כעס אַריין.—איך בין זיינער אַ כלאָפּ, וואָס? אַז איך וויל—דין איך, אַז נישט—בין איך פריי. איך בין אַ פרייער מענטש. און איך וועל נאָך אַזוי טאָן: איך וועל ערגעץ אַוועקפאָרן, אַז ער וועט מיך זיין גאַנצן לעבן נישט געפינען.

—ראַדזיוויל וועט זוכן און נישט געפינען?—האָט שכנא אָנגע־הויבן לאַכן.—פון יענער וועלט וועט ער דיך אַראָפּברייננגען און אויפהיינגען. אָדער וועסט זיך אפשר מיט אים גיין לאָדן. ווייסט, אפנים, נישט, אַז ער לאַכט פון אַלע געזעצן און פון דער גאַנצער וועלט.

—טאָ וואָס זשע זאָל איך טאָן? גיב אַן עצה. געפין עפּיס אַן עצה. געפין עפּיס אַ מיטל, ווי אַזוי צו העלפן מיר. איך האָב

עס דען נישט פאַרדינט פאַר די אַלע טובות, וואָס איך האָב געטאָן דיר און אַלע יידן פון שטאָט פאַר דער גאַנצער צייט? וויפיל מאָל האָב איך מיין לעבן געשטעלט אין סכנות, איינ־שטעלנדיק זיך פאַר דיינע ברידער?

דער פאַרוואַלטער פון נישוויזער שלאָס האָט טאַקע באמת זייער פיל גוטס געטאָן מיט די נישוויזער יידן, וועלכע האָבן שטענ־דיק געמוזט אָנקומען צו אים, און האָבן ביי אים געפועלט, וואָס זיי האָבן געדאַרפט. האָלץ פאַרן בית־מדרש האָט ער שטענ־דיק צוגעשטעלט צו גענוג. אַז ביי אימיצן איז די שטוב אַלט געוואָרן, פלעגט ער תיכף אַריינשיקן געהילץ אויף רעמאָנט. פאַר פסח פלעגט ער צושיקן ווייץ, קאַרטאָפל און בוראַקעס, און אַלץ, וואָס מען האָט געדאַרפט אויף פסח פאַר די שטאָטי־שע אָרימע לייט. רייטאַן איז געווען דער גוטער מלאך אין ראַדזיווילס שלאָס פאַר די יידן. און איצט איז ער געזעסן אַ צורודערטער און האָט געוואַרט אויף הילף פון רב שכנאַן.

רב שכנא האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און האָט דערפילט, אַז ער מוז דעם פאַרוואַלטער קומען צו הילף, כאָטש אויס דאַנק־באַרקייט פאַר זיין גוטס.

—באַרואיק זיך, ליבער פעליקס,—האָט ער געזאָגט, אָפּלייגנדיק דעם ציבוק זיינעם אָן אַ זייט.—איך וועל אַ טראַכט טאָן און זען עפיס צו געפינען אַן אויסוועג. נאָר דו זיי רואיק. שטער מיר נישט.

רייטאַן האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז ער איז גרייט צו זיצן שטיל, און רב שכנא האָט זיך געלאָזט גיין הין און צו־ריק איבערן צימער, רייבנדיק די הענט. ער האָט שטילנקער־הייט געמורמלט אַ ניגון, וועלכן ער פלעגט שטענדיק זינגען אונטערן נאָז, ווען ער איז געווען פאַרזונקען אין מחשבות. דער הויכער שטערן זיינער האָט זיך באַדעקט מיט קנייטשן. פון אַלע זיינע באַוועגונגען איז געווען צו זען, אַז דער מוח זיינער אַר־בעט. רייטאַן איז געזעסן שטיל, און אַז דער הונט זיינער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, אָנגעהויבן זיך צו קראַצן, האָט ער אַרויפ־געלייגט אויף אים די הענט—אַ סימן פאַר דעם הונט, אַז ער טאָר זיך נישט רירן.

ג.

א מינוט צוואַנציק האָט געדויערט ר׳ שכֿנאס טראַכֿטן. נאָכֿדעם האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן שטול, האָט טיף אָפּגעאָטעמט און גענומען פּאָכֿן זיך אויפֿן געזיכֿט מיט זיין טיכֿל.

—נו, פעליקס, דו וועסט פון מיר צופרידן זיין,—האָט ער לסוף געזאָגט.—איך האָב געפונען אַן עצה. איצט וועט זיין אי די ציג גאַנץ, אי דער וואָלף זאַט. לאָז מיר נאָר אַ ביסל אָפּעטעמען. איך בין מיד.

רייטאנס פנים האָט אָנגעהויבן שיינען פון שמחה. ער איז אויפגעשפּרונגען פון שטול און האָט געוואָלט אַרומנעמען זיין גוטן פריינט. נאָר ר׳ שכֿנאס לעצטע ווערטער האָבן אים אָפּגעהאַלטן. ער האָט זיך צוריק געזעצט און געוואַרט, אַז ר׳ שכֿנא זאָל אָנהויבן ריידן.

—אָט וואָס מען דאַרף טאָן,—האָט ר׳ שכֿנא געזאָגט נאָכֿדעם, אַז ער האָט אָפּגערוט.—אָט וואָס מען דאַרף טאָן,—האָט ער איבער־

געחזורט, פאַנאַנדערקאַמענדיק זיך די באָרד מיט די פינגער.— דו, פעליקס, דאַרפסט זיך אַריינלייגן אין בעט און מאַכן זיך קראַנק. און כּדי מען זאָל גלויבן, אַז דיין מחלה איז אַ געפערלעכע, דאַרפסטו אָן אויפהער קרעכצן און אָכצן. דאָס וועסטו דאָך קענען?

—אָ, איך וועל אַזוי שרייען, אַז מען וועט דערהערן אין נאַליבאק.

—און מיר, ס׳הייסט נישט מיר, נאָר מרדכי דער חצוף דער רופא, וועט דיך איינדעקן אין פלאַסטערן פון זענעפט און מיט שפאַניערפליגן און מיט אַלע אַנדערע צרות.

—אַי, פאַר אַזעלכע זאַכן האָב איך מורא,—האָט זיך רייטאַן פאַרקרימט און אָנגעהויבן צו קראַצן זיך, גלייך ער וואָלט שוין דערפילן, אַז עס בייסט אים.—די שפאַניעפליגן זיינען דאָך ווי גיפטיקע, ווער קאָן זיי איבערטראָגן!

—אַי, ס׳אַר אַ נאַר דו ביזט,—האָט ר׳ שכנא אויף אים אָנגעשריען,—ווער וועט עס וויסן, וואָס דאָרטן אונטער דער שמאַטע טוט זיך. מיר וועלן אויף דער שמאַטע נאָר אָנשמירן אַ ביסל וואַקס, אָדער חלב, און גאָר. דו מיינסט, איך בין עפּיס אַ נאַר, וואָס איך וועל הייסן אַ געזונטן מענטשן אַרומלייגן מיט שפּאַניעפליגן, וואָס?

—ביזט גערעכט, שכנא, אַ שכל.

—בכן, ביזטו קראַנק, און דו האָלסט שמאָל,—האָט ר׳ שכנא ווייטער דערקלערט זיין עצה,—מרדכי דער חצוף וועט גאָרנישט קענען מאַכן. וועלן מיר אַוועקשיקן אַ פּאָר קוריערן, איינעם קיין סטאַלעוויץ, אַראָפּצוברייננגען דעם דאָקטאָר, וואָס ביי די מאַגנאַטן, לאַסקי, און דעם צווייטן קיין בעלסק צום דוכס, מען זאָל אַהערצו אַרויסשיקן נאַפּרוקעוויטשן, ער זאָל דיך פאַרבייטן—נאַפּרוקעוויטש וועט דאָך מסכּים זיין, ווי מיינסטו?

—אַ שאלה. דערדאָזיקער אַלטער פוקס שאַרפט שוין לאַנג די ציין אויף די נישוויזער גיטער, און תּמיד גראָבט ער זיך אונטער מיר.

—איך ווייס, דעריבער דאַרף מען אַרויספּאָדערן אים, נישט קיין אַנדערן.
—נו, און דער סוף?
—דעמאָלט וועל איך מיך זען מיטן דאָקטאָר, איך וועל אים אַלץ דערציילן און אָנלערנען, וואָס צו טאָן. אַז נאַפּרוקעוויטש וועט קומען, וועט אים דער דאָקטאָר זאָגן, אַז דו ביזט אַ חולה מסוכן, און אַז די מחלה איז אַ קלעפּיקע. דאָס וועט שוין גע־נוג זיין פאַר נאַפּרוקעוויטשן, ער זאָל דיך גלייך דערווייטערן פון דאַנען. און אַז דער דוכס וועט קומען און וועט פרעגן: וואו איז רייטאַן?—וועט ער שוין וויסן, וואָס צו ענטפערן און ווי צו לייגן, כּדי צו דערווייזן, ווי גוט ער האָט געטאָן, וואָס ער האָט דיך דערווייטערט. דער דוכס וועט אים נאָר באַדאַנ־קען און וועט אים באַשטימען פאַר אַ פּאַרוואַלטער דאָ אין ניש־וויז, און דיך וועט ער אינגאַנצן פאַרגעסן.
—אָבער ווער ווייס, צי ער וועט פאַרגעסן. ער האָט וויפיל מאָל געשוואָרן, אַז ער וועט מיך קיינמאָל נישט אָפּלאָזן פון זיך.

—דאָס איז גאָרנישט—דו ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ ווערט אַ שבועה האָט ביים דוכס. ער וועט דיך נישט זען פאַר די אויגן, וועט ער זיך נישט דערמאָנען, און נאַפּרוקעוויטש וועט אויך זען סטאַרען זיך, אַז דער דוכס זאָל נאָך דיר נישט בענקען.

—אָך, טייערער שכנא!—האָט רייטאַן אויסגעשריען מיט שמחה. דו ביזט אַזוי קלוג, ווי אַ מלאך. איצט זע איך, אַז מיר וועט זיך איינגעבן, וואָס איך וויל. זאָג מיר, מיט וואָס קאָן איך דיר אָפּדאַנקען פאַר דיין קלוגער עצה?
—אפשר וואָלסטו מיר געקאָנט העלפן אין מיין צרה?—האָט ר׳ שכנא אַ פרעג געטאָן.
—זאָג וואָס, איך בין גרייט פאַר דיר צו גיין אין פייער און אין וואַסער.
—אין פייער און אין וואַסער דאַרף מען נישט, נאָר עפּיס אַ גוטע עצה.

—מכּוח וואָס?

—מכּוח מיין שבתדיקע שטריימל.

—אָ,—האָט רייזאַן אויסגעשריען,—דאָס איז אַ שלעכטער עסק. אויב דו האָסט אַליין דערין גאָרנישט געקאָנט מאַכן, וועל איך אודאי נישט קענען.

מיט דער שבתדיקער שטריימל איז געווען אַזאַ מעשה: פאַר די קריסטלעכע חגאות פלעגט דער דוכּס נישט אַזויפיל שיכּורן. דעמאָלט האָט ער ליב געהאַט צו שפּילן אין שאָך. ר׳ שכנא פלעגט אַלע טאָג מוזן קומען אין שלאָס, ווייל אין דער גאַנצער געגנט איז נישט געווען אַזאַ שפּילער אין שאָך, ווי ער. ביים שפּילן פלעגט דער דוכּס שטעלן אין קאָן אַמאָל אַ פאָר פערד, אַמאָל אַ פּאָר זילבערנע לייכטער, אַמאָל אַ רונג מיט טייערע שטיינער, אָדער עפּיס אַן אַנדער חפץ. אַנטקעגן פלעגט רבי שכנא שטעלן עפּיס אַ קלייניקייט, לויט זיין פאַרמעגן. איינמאָל האָט זיך ראַדזיווילן פאַרוואָלט, אַז דער ייד זאָל אין קאָן שטעלן זיין שבתדיקע שטריימל מיט די עקלען, און אַ תנאי האָט ער אויסגענומען, אַז אויב ער פאַרשפּילט די שטריימל, טאָר ער שוין מער קיין אַנדערע נישט קויפן, און ווען סיי שבת, סיי יום־טוב מוזן גיין אין דער אומדערוואַכיקער שטריימל. ר׳ שכנא האָט מיט אַ לייכטן האַרצן דערויף מסכּים געווען, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט די שפּיל געווינען ווי אַלע מאָל. צום אומגליק האָט זיך געטראָפן, אַז גראָד דאָס מאָל האָט ער פאַרשפּילט, און די שטריימל האָט געוואונען דער דוכּס, וועלכער האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט דעם ניצחון, וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטן איבער „זיין יידן". ער האָט פון שמחה געפּאַטשט מיט די הענט און איז געשפּרונגען ביז דער סטעליע. ער האָט געהייסן שיסן מיט די האַרמאַטן, הגם עס איז געווען האַלבע נאַכט, און האָט די גאַנצע געגנט איבערגעשראָקן. נאָר מיט דעם אַלעמען האָט זיך דער דוכּס נאָך נישט באַפרידיקט, און אויף מאָרגן האָט ער צעשיקט עסטאַפעטן צו אַלע שכנים אָנזאָגן די גרויסע שמחה און איינלאַדן אויף דער פייערונג, וואָס ער מאַכט לכבוד זיין נצחון. און פון דער גאַנ־

צער געגנט האָבן זיך אָנגעקליבן פריצים, און מען האָט אויס־געשטעלט די קנעכט פון שלאָס און די זעלנער, ווי אויף אַ גרויסן פּאַראַד. צום ערשטן איז געפאָרן רייטנדיק אויף אַ ווייסן פערד רייטאַן און די גאַנצע פּראָצעסיע איז אַוועק צו רב שכנאס הויז, האָט זי אַרומגערינגלט, אַרויסגעטראָגן די שבתדי־קע שטריימל און מיט געזאַנג און מיט מוזיק און אונטער דעם דונערן פון האַרמאַטן האָט מען זי אָפּגעטראָגן אין שלאָס אַריין. מען האָט געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייט, אויף וועלכן מען האָט געגעסן און געטרונקען און געהוליעט אָן אַ שיעור. גאַנץ ניש־וויז און די געגנט אַרום האָט געהאַט געגנוג פון וואָס צו לאַכן. נאָר ביי רבי שכנאן אין שטוב איז דער טרויער געווען גרויס. דעם גביר פון שטאָט, דעם ערשטן פון דער קהלה, איז געווען מיאוס אַרויסצוגיין שבת פון שטוב אין דעם וואָכעדיקן היטל, און אַז עס פלעגט קומען אַ שבת אָדער אַ יום־טוב, האָט ער זיך געמוזט פאַרשפאַרן אין שטוב און אַפילו דאַוונען נישט גיין אין בית־מדרש. פיל מאָל איז רבי שכנא גרייט געווען אָפּגעבן דעם דוכס אַלע טייערע חפצים, וואָס ער האָט ביי אים אָנגע־וואונען פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט מיט אים גע־שפּילט אין שאַך, אַבי נאָר ער זאָל צוריק באַקומען זיין שבת־דיקע שטריימל, אָדער ער זאָל מעגן קויפן זיך אַ נייע שטריימל. אָבער ראַדזיוויל האָט אַפילו הערן נישט געוואָלט.

—אָפּגערעדט, פּאַניע קאָכאַנקו, איז אָפּגערעדט,—פלעגט ער ענט־פערן.—אַ וואָרט דאַרף מען היטן. דו ביזט אַן ערלעכער מאַן צי נישט?

—אַן ערלעכער, פריץ.

—נו, און איך בין אויך אַן ערלעכער. און פאַר ערלעכע לייט פּאַסט נישט חרטה צו האָבן אויף זייערע ווערטער. ובפרט דו, וואָס דו ביזט נאָך אַ סוחר, דאַרפסטו אודאי טייער האַלטן דיין וואָרט.

און וויפיל רבי שכנא האָט נישט געבעטן, מיט טרערן און קושנדיק אים די הענט און פאַלנדיק אים צו די פיס—האָט ער, דער דוכס פון קיין זאַך נישט געוואָלט וויסן און האָט די

שטריימל נישט אומגעקערט. און עובר זיין אויף זיין וואָרט און קויפן אַן אַנדערע—דאָס האָט רבי שכנא מורא געהאַט, וואָרום מיט ראַדזיווילן איז געווען אַ סכנה אָנצוהויבן זיך.
דער גביר האָט דערפון געהאַט גרויס האַרצווייטאָק. די גאַנצע רייכקייט זיינע איז אים נישט איינגעגאַנגען, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אומגליקלעכער פאַר דעם גרעסטן אָרימאַן.

—דער אָרימסטער שמשל איז גליקלעכער פאַר מיר, וואָרום ער קאָן זיך שבת אָנטאָן, „ווי גאָט האָט געבאָטן". און איך, דער גביר, בלייב אין שטוב זיצן, און מיין שבת און מיין יום־טוב איז מיר פאַרשטערט.
צוליב דעם טאַקע האָט אויך רבי שכנא מיט אַלע נישוויזער יידן צוזאַמען אומגעדולדיק געוואַרט, אַז דער דוכס זאָל זיך אומקערן אין נישוויז, און אויב זיי האָבן אויסגעקוקט אויף פרנסה, האָט ער געהאָפט, אַז אפשר וועט ער קענען אויספועלן ביים דוכס, אַז ער זאָל אים צוריק אומקערן די שבתדיקע שטריימל נאָך די פינף יאָר, וואָס זי ליגט אַ געפאַנגענע אין שלאָס.
איבערהויפט איז אים די שטריימל נויטיק געווען דערפאַר, וואָס עס איז נאָענט געוואָרן די צייט, וואָס מען האָט אָפּגעשטעלט פאַר דער חתונה פון זיין איינציקער טאָכטער, וועלכע איז שוין לאַנג געווען אַ כּלה. מ'האָט די חתונה אַלץ אָפּגעלייגט, טאַקע צוליב דער שבתדיקער שטריימל, וואָרום ווי וואָלט רבי שכנא געקאָנט פירן זיין טאָכטער צו דער חופה אין אַ וואָכעדיקן היטל. דאָס וואָלט געווען אַ חרפה פאַר די מחותנים און אַ שלעכטער סימן פאַר דאָס יונגע פאָרפאָלק און אַפילו פאַר די געסט.

—אויב, חס ושלום, דער דוכס וועט נישט קומען אויף סוכות—פלעגט רבי שכנא זאָגן,—קאָן, חלילה, פון דעם שידוך נישט ווערן. און אַזאַ שידוך, מיט דעם בריסקער רב—נישט אַלע טאָג מאַכט זיך דאָס. וויפיל מי האָט מיר אָפּגעקאָסט און וויפיל געלט האָב איך אויסגעשאָטן, ביז איך האָב צו דעמדאָזיקן שידוך דער־

גרייכט. און איצט קאָן דערפון גאָרנישט נישט ווערן. דער רב איז אויסער זיך. ער האָט זיך געשוואָרן, אַז מער וועט ער נישט וואַרטן. און אין דער אמתן—צו וואָס זאָל ער וואַרטן? די גרעסטע גבירים פון ווילנע און פון מינסק וואָלטן אַזאַ שידוך געהאַלטן פאַר אַ גליק. אַ קליינים ..קייט—דער בריסקער רב, מיט אים קלינגט דאָך אַ וועלט. און דער חתן—דאָס איז דאָך ריינער זייד, פון פינף יאָר זיצט ער און לערנט—אַן עילוי. וואו קריגט מען אַ צווייטן אַזאַ? אַז מ'זאָל מיט ליכט זוכן, וועט מען דען געפינען?

דידאָזיקע געדאַנקען האָבן געוואָרפן אַ מרה־שחורה אויפן גביר. צייטנווייז איז ער אַפילו גרייט געווען אַוועקצופאָרן קיין סלוצק, נעמען די טאָכטער חיה, די כלה, קויפן זיך אַ נייע שטריימל און אָפשפּילן די חתונה, ווי גאָט האָט געבאָטן. נאָר באַטראַכטנדיק זיך, פלעגט ער אויף דעמדאָזיקן פּלאַן חרטה האָבן. ער האָט שטאַרק מורא געהאַט, אַז ירוחם דער מאַזירער זאָל אים נישט פאַרמסרן פאַרן דוכס. דערדאָזיקער ירוחם מאַזירער איז פון שטענדיק אָן געווען זיינער אַ קאָנקורענט ביים דוכס, און האָט שטענדיק געזוכט אַ מעגלעכקייט אונטערצושטעלן אים אַ פּיסל. נאָר עס האָט אים נישט געלונגען. און קויפנדיק זיך אַ נייע שטריימל, וואָלט ער ירוחמען געגעבן אַ געווער אין האַנט. דעריבער האָט רבי שכנא געמוזט ליידן און שווייגן, וואַרטנדיק ביז ראַדזיוויל וועט זיך צוריקקערן קיין נישוויז, אפשר וועט זיך איינגעבן צו ווירקן אויף אים. דערווייל האָט ער די כלה היה געהאַלטן ביי זיין ברודער אין סלוצק, ווייל ער האָט מורא געהאַט, דער דוכס זאָל זי נישט דערזען און זאָל זי נישט וועלן נעמען צו זיך אין שלאָס אַריין, ווי ער פלעגט עס אָפט טאָן מיט מיידלעך, וואָס פלעגן אים געפעלן ווערן.

פונדעסטוועגן האָט רב שכנא זיין גאַנצע האָפנונג געלייגט נאָר אויף חיהן, אַז זי וועט אים דערלייזן פון דער צרה, ווען דער דוכס וועט קומען. ער האָט גערעכנט, אַז ער וועט זי שיקן צום דוכס בעטן באַפרייען דעם פאָטערס שטריימל, עס זאָל נישט זיין קיין שטער צו איר חתונה. און דער דוכס איז דאָך

אַ ריטער, וואָס האָט אָפּשיי פאַר פרויען, און וועט אַ פרוי, וואָס וועט צו אים קומען בעטן, נישט אָפּזאָגן אין איר בקשה. נאָר באַשליסן די זאַך אַליין האָט ער נישט געקענט, ווייל ער האָט נישט געוואוסט, ווי איז דער דוכס די לעצטע יאָרן. דערין האָט אים געקאָנט צוהילף קומען נאָר רייטאַן אַליין, וועלכער האָט געוואוסט אַלע סודות ביי דעם דוכס. דעריבער האָט ער איצט פאַרצויגן מיט רייטאַנען אַ שמועס וועגן דעם ענין.

—וואָס זאָל איך דיר זאָגן, טייערער פריינט,—האָט רייטאַן געענטפערט, אויסהערנדיק ר׳ שכנאַן.—דאָס געפעלט מיר זייער. דער דוכס וועט קיין פרוי נישט אַנטזאָגן, דאָס וואָלט נישט געפּאַסט פאַר אַ פּוילישן מאַגנאַט, ובפרט אין אַזאַ קלייניקייט, וואָס איז באמת זייער לייכט נאָכצוגעבן. נאָר פונדעסטוועגן שטעקט דאָ אַ סכנה. דיין חיה איז זייער אַ שיינע, אירע שוואַרצע אויגן ברענען ווי פלאַמען.

—הייסט עס, אַז ס׳טויג נישט, זי זאָל גיין צום דוכס?

—דאָס נישט,—האָט רייטאַן געענטפערט.—בשעת איך האָב געזאָגט, אַז דאָ שטעקט אַ סכנה, האָב איך מיך נישט ריכטיק אויסגעדריקט, מחמת אין דער אמתן איז קיין בייז נישט. איך נעם דאָס אויף זיך.

—מיט וואָס ביזטו אַזוי זיכער?—האָט ר׳ שכנא געפרעגט.

—איך בין זיכער דערפאַר, וואָס דער דוכס איז שוין איצט נישט דאָס, וואָס געווען.

—וואָס הייסט? ער איז אַלט געוואָרן?

—ניין, נישט אַלט, נאָר ער האָט געהאַט אַ פּסק פון דער פּאַנאַ וואָיזשבונאָוונאַ.

—וואָס איז אַזוינס געשען? דערצייל.

—דו ווייסט גאָרנישט?—האָט זיך רייטאַן פאַרוואונדערט.—אָ, אמת, דו ביזט דעמאָלט דאָ נישט געווען. ביזט געפאָרן קיין גדאַנסק, און דאָ האָט דער דוכס פאַרזאָגט, מען זאָל וועגן דעם נישט ריידן, אויב מען וויל נישט זיין אויפגעהאַנגען. נאָר דיר קאָן איך דערציילן. דאָס דאַרף אָבער בלייבן אַ סוד, געדיינק.

און רייטאַן האָט דערציילט, וואָס עס האָט געטראָפן מיט ראַ־

דזיווילן: ער האָט ליב געקראָגן אַ טאָכטער פון איינעם אַן אָרימען פריץ. ער האָט מיט איר געוואָלט חתונה האָבן, זי האָט אָבער דעם דוכס נישט געוואָלט, ווייל זי האָט געהאַט אַן אַנדער חתן, וועלכן זי האָט שטאַרק ליב געהאַט. ווען ראַדזיוויל האָט געזען, אַז מיט גוטן וועט ער גאָרנישט מאַכן, איז ער אין כעס געוואָרן און האָט זיך געשוואָרן, אַז ער וועט זי נעמען מיט בייזן. איינמאָל ביי דערנאַכט האָט ער געהייסן רייטאַנען אָנזאָטלען פינף פערד און נעמען דריי קנעכט מיט זיך, און צוזאַמען זאַלבעפינפט זיינען זיי אַוועקגעריטן צו דער מיידלס פאָטער אין הויף אַריין. דאָרט איז פאָרגעקומען אַ געשלעג צווישן ראַדזיווילס קנעכט מיט די קנעכט פון יענעם פריץ, וועלכע האָבן באַקומען גוטע קלעפ און האָבן שנעל אָנגעהויבן אָפּטרעטן. ערשט דעמאָלט איז די מיידל אַרויס העלפן איר פאָטער. דער דוכס האָט זי דערזען און האָט זי געכאַפּט אויף די הענט און געוואָלט אַוועקטראָגן. די מיידל האָט זיך אָבער אַרויסגעריסן און האָט דעם דוכס דערלאַנגט אַזאַ פּאַטש, אַז עס האָט אַ הילך געטאָן ביי אַלעמען אין די אויערן. דעמאָלט האָט דער דוכס אָפּגעטראָטן, און אויף מאָרגן האָט ער פאַרלאָזט דעם נישוויזער פּאַלאַץ. זינט דעמאָלט בלאָנדזשעט ער אַרום אין דער פרעמד און קערט זיך נישט צוריק אַהיים. נאָר דער מיידלס, דער וואָיזשבינאָוונאַס בילד פאַרפאָלגט אים אומעטום, וואו ער איז, און דעריבער גיט ער אויף אַנדערע פרויען גאָר נישט אַכטונג.

פלוצלונג האָט רייטאַן איבערגעריסן די רייד און האָט זיך אָנגעהויבן צוהערן, וואָרום אים האָט זיך אָפּגעדאַכט, אַז ער הערט אַ שאַלן פון אַ טרומייט.

—איך בין זיכער, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ סטאַפעט פון דוכס. לאָמיך לויפן אין שלאָס אַריין דערוויסן זיך, וואָס איז דאָס. אויב עפּיס גוטע ידיעות, וועל איך דיר נאָך היינט שיקן אָנזאָגן.

און שנעל האָט ער זיך אָנגעטאָן, האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַוועקגעלאָפן אין שלאָס אַריין.

ד.

אז ר׳ שכנא איז אַליין פאַרבליבן אין צימער, האָט ער גע־נומען אַרומגיין הין און צוריק, מאַכנדיק מיט די הענט און שטיל אונטערברומענדיק זיין געליבטן ניגון, וועלכן ער פלעגט שטענדיק זינגען, בשעת ער איז געווען פאַרזונקען אין מחשבות. אַ היבשע צייט איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער און האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווי די ווייב זיינע רחל לאה איז אַריין אין צימער אַראָפּצונעמען פון טיש. זי האָט זיך נישט דער־לויבט איבערצורייסן דעם מאַנס מחשבות, נאָר פאַרן אַרויסגיין האָט זי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט געזאָגט:

—וואָס זיצטו אין צימער. אין דרויסן איז אַזוי לופטיק און ליכטיק. גיי זיך דורך אַ ביסל. דאָ וועט דאָך דיר דער קאָפּ אָנהויבן ווי צו טאָן.

—דער קאָפּ? וואָסער קאָפּ?—האָט זיך רבי שכנא אָפּגעשטעלט און האָט אָנגעקוקט די פרוי מיט צעמישטע אויגן.

—וואָסער קאָפּ?—דיין אייגענער קאָפּ—וואָס פרעגסטו?

—וואָ איז דער קאָפּ?

—ביזט, חלילה, משוגע, צי וואָס? וואָס קוקסטו מיך אָן? דו דערקענסט מיך נישט?

—אַ, רחל לאה!—האָט זיך רבי שכנא דערפרייט, גלייך ווי ער האָט זי ערשט דערקענט.—וואָס האָסטו געזאָגט?

—איך האָב געזאָגט, אַז ס׳וואָלט געווען גלייכער דורכצוגיין זיך אין דרויסן, דאָ קאָן דיר נאָך דער קאָפּ אָנהויבן ווײ צו טאָן.

—דו ביזט גערעכט, רחל לאה. דאָס איז אַ שכל. זאָג יעקבן, ער זאָל דערלאַנגען דעם שטעקן און די זאַכן.

רבי שכנא האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַרויס אין דרויסן. נאָך אים איז אַרויסגעגאַנגען יעקב דער משרת זיינער, אַ געזונטער יונג, וועלכער פלעגט זיך נאָר פוצן און קרייזלען די פאות, ווען די הענט זיינען ביי אים געווען ליידיק.

די גאַס, וואו רבי שכנאס הויז איז געשטאַנען, איז געווען די שענסטע אין שטעטל. די קראָמען און די וואַרשטאַטן און אַלע אַנדערע בנינים פאַר פּרנסה זיינען געשטאַנען אין די קליינע געסלעך און אויפן מאַרק. און דידאָזיקע גאַס איז שטענדיק געווען צוגעפוצט און ריין. היינטיקן אָוונט איז די גאַס פול געווען מיט מענטשן—מאַנסביל, פרויען און קינדער.

—גוטן אָוונט, רבי שכנא, גוטן אָוונט!—האָט מען פון אַלע זייטן געגריסט דעם נישוויזער גביר, מאַכנדיק פאַר אים אַ וואַרע.

—גוט יאָר, גוט יאָר,—האָט רבי שכנא פון אַלע זייטן געענטפערט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, גייענדיק אַ שטאָלצער פאָרויס.—וואָס איז עפּיס היינט דער עולם אויף אַזוי שפּעט?

—גאָט איז מיט אייך, רבי שכנא, אין אַזאַ שיינע נאַכט, וועמען ווילט זיך עס גיין שלאָפן?

—עס שלאָפט זיך נישט זייער, רבי שכנא, מיט אַ ליידיקן מאָגן,—האָט זיך אָפּגערופן איינער אַ הויקער, געבנדיק דערמיט אָנצוהערעניש אויף די שלעכטע צייטן פאַר נישוויזער יידן.

רבי שכנא האָט געמאַכט אַ רחמנותדיקע העויה און אַ זיפץ גע־

טאָן. ער איז אַוועק ווייטער, צוקלאַפּנדיק מיטן גראָבן שווערן שטעקן.

—אַן עסטאַפעט איז נאָר וואָס פאַרביי אין שלאָס אַריין,—איז איינער צוגעגאַנגען צום גביר.—איר ווייסט דערפון, רבי שכנא?

—איך ווייס.

—דאָס איז פון דוכּס?

—ווער קאָן וויסן, אפשר פון דוכּס.

—זייער אַוויכטיקער, קענטיק,—האָט דער מענטש ווייטער געזאָגט.—ער האָט געטרובעט אין אַטרומייט און געהאַט אַרענצל אויף דער ברוסט.

—נישט קיין רענצל, נאָר אַזעקל מיט האָבער פאַרן פערד.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַהאַמפּעריי צווישן עולם. איינע זאָגן אַ רענצל, אַנדערע—אַזעקל. נאָר רבי שכנא האָט זיי איבערגעריסן אינמיטן:

—זאָגט נאָר, יידן, די אספה האָט זיך שוין געענדיקט?

און ווידער האָט מען זיך אָנגעהויבן קריגן אין עולם. ווער ס'האָט געזאָגט—געענדיקט, ווער—נישט. רבי שכנאן איז דאָס מיאוס געוואָרן, און ער האָט שוין געוואָלט פאַרקירעווען זיך אין געסל, וואָס פירט צום שולהויף, כדי אַליין זיך איבערצו־צייגן, צי די אספה האָט זיך שוין געענדיקט. פּלוצלונג האָבן אים אָפּגעשטעלט קולות:

—רב שכנא, רב שכנא, זעט. רייטער, אַמאַסע רייטער פאָרן פון שלאָס!

רב שכנא האָט זיך אומגעקוקט, ערשט עטלעכע רייטער פאָרן פאַרביי צווישן עולם, וועלכער מאַכט פאַר זיי אַוואַרע. די ריי־טער זיינען געפלויגן, ווי משוגעים, און האָבן אויפגעהויבן אַוואָלקן פון שטויב פליענדיק.

—איינער, צוויי,—האָט דער עולם גענומען ציילן די רייטער.—דריי, פיר, פינף! פינף רייטער. דאָס איז נישט פשוט. דאָ מוז עפּיס זיין. הלוואי זאָל זיך אויסלאָזן צו גוטס.

—אמן, הלוי, —האָבן אַנדערע אונטערגעהאַלטן מיט קלאַפּנדיקע הערצער.
וואָרום אין דער אמתן, ווער ווייס וואָס דער פלוצלינגער טומל אין שלאָס קאָן באַטייטן און מיט וואָס דאָס קאָן זיך ענדיקן פאַר יידן. דער עולם איז אַריינגעפאַלן אין אַ מרה שחורה. אין גאַס איז שטיל געוואָרן.
רב שכנא אַליין איז אויך נישט גלייכגילטיק געבליבן צו דער זאַך. עפּיס דאַרף דאָך דאָ זיין. און ער האָט זיך געווענדט צו זיין משרת:
—גיי, יעקב, אין קהל־שטוב און זאָג דעם רב און די זקנים, אַז איך בעט זיי מטריח זיין זיך, קומען צו מיר און וואַרטן, ביז איך וועל צוריק קומען פון שלאָס.
און ער איז אַוועק אין שלאָס, וועלכער האָט פון וויטן גע־בלאַנקט אַנטקעגן דער שיין פון דער לבנה, ווי אַ פאַרכישופטער פּאַלאַץ.
און אין שלאָס אויפן הויף, אַנטקעגן דעם פאַרוואַלטערס פּאָקאָיעס, איז געווען גרויס דער טומל. אַלע קנעכט, פון דעם ערשטן לאַקיי ביז דער געפּעסוועשערין, זיינען געווען אויף און האָבן זיך דאָ צענויפגעקליבן. די רייטער האָבן געזאָטלט די פערד, און די עלטסטע האָבן באַטראַכט די קאַרעטעס. די שמידן און די שלאָסער זיינען מיט האַמערס און צוואַנגען געגאַנגען איבער די שפּייכלערס און איבער די שטאַלן און האָבן געקלאַפּט און געמייסטרעוועט.
רייטאַן איז געשטאַנען אויפן באַלקאָן מיט דער נאַהייקע אין האַנט און האָט אָפּגעגעבן באַפעלן, אַ צעפלאַמטער און אַ צאָרנ־דיקער, און האָט זיך געזידלט:
—גיכער, חמרוקעס, שנעלער, ליידאַקעס, רירט זיך!
—וואָס איז דאָס פאַר אַ יריד?—האָט רב שכנא געפרעגט איינעם פון די פאַרביילויפנדיקע קנעכט.
—אַ, שכנא!—האָט רייטאַן אָנגעהויבן, דערזעענדיק אים, און ער איז גרייט געווען פאַנאַנדערצעוויינען זיך.—דער קאָפּ דרייט זיך פון אַרבעט, און דידאָזיקע חמולעס דערקירצן מיר מיינע יאָרן,

זיי רירן זיך פון אָרט נישט.

—וואָס זשע איז געשען?

—גיי אַריין צו מיר אין צימער, ווּעסטו אויפן טיש איבערליי־גען די בריוו. איך מוז דאָ בלייבן, אַז נישט וועלן די דאָזיקע בידלעס ביז טאָג נישט איינפּאָרען זיך מיט דער אַרבעט.

רב שכנא איז אַריין צו רייטאַנען און האָט געפונען אַן אָפּע־נעם בריוו מיטן דוכּס שטעמפּל:

„פּאַניע קאָכאַנקו, איך פאָר קיין נישוויז, ווייל מיר איז שוין מיאוס געוואָרן אַרומצעוואָגלען אין דער פרעמד. איך בין אויס־געווען אַ וועלט מיט מדינות, און דאָרט קאָן מען אַפילו קיין באָרשטש נישט אָפּקאָכן ווי געהעריק. און וואָס פאַר אַ טעם עס האָט אַן אָנגעפּראָרענער חזירל מיט כריין—דאָס ווייס אַפילו דער קלוגער וואָלטער נישט, און מען האַלט אים נאָך פאַר אַ פילאָזאָף. יאָ, יאָ, פּאַניע קאָכאַנקו, פאַרשרייב זיך אויפן שטערן, ערגעץ איז נישטאָ אַזאַ קלוג פאָלק, ווי דאָס פּוילישע פאָלק. איך האָף, אַז איך וועל אין נישוויזער שלאָס אַלץ געפינען אין אָרדנונג, און אויב נישט, וועל איך מיך מיט דיר אָפּרעכענען, פּאַניע קאָכאַנקו.

ראַדזיוויל דוכּס.”

און אַ צווייטער בריוו איז געווען פון קוואַרטירמייסטער באָגו־שעוויטש.

„טייערער פעליקס! מיר זיינען איצט אין קרולעוויעץ, און לאָזן זיך קיין נישוויז. מיר זיינען געווען געפאָרן קיין קאַרלסבאַד, מיר זיינען דערפאָרן, נאָר נישט אַריינגעפאָרן, וואָרום צופאָרנ־דיק צום שטאָט האָבן מיר נישט געזען קיין איין באַלוויכטענע פענסטער (דאָס איז געווען צוויי נאָך האַלבע נאַכט). אָט אַזוי באַגייען זיך די קאַרלסבאַדער איינוואוינער!—האָט דער דוכּס אויסגעשריען. אַלע שלאָפן. טאָ זאָלן זיי זיך שלאָפן געזונטער־הייט. דער פירשט ראַדזיוויל וועקט קיין קרעטשמער נישט פון שלאָף”. און ער האָט געהייסן פאַרקירעווען די פערד. פאָרנדיק אַרויף באַרג אין דער פינסטער, האָבן מיר שיר האַלז און גע־ניק זיך נישט געבראָכן. דאַנקען גאָט, וואָס מיט חסד. נאָר איין

רייטער איז אַראָפּגעפאַלן פון פערד, און די רעדער פון זי קאַרעטעס האָבן אים איבערגעפאָרן. אָבער רעכט אויף אים, ער האָט זיך געזאָלט היטן. און אונזער דוכס איז נאָך אַלץ אַן אומעטיקער, ווי פריער. אַן אַנדערש מאָל פאַלט אויף אים אָן די משוגעת, זיינען מיר קיינער נישט זיכער מיט אונזער לעבן. דער דאָקטאָר זאָגט, אַז דאָס איז מחמת בייגקשאַפט נאָך דער היים. איך בין נישט קיין דאָקטאָר, פונדעסטוועגן מיין איך, אַז דאָס איז די אַלטע וואונד, וואָס האָט זיך נאָך עד היום נישט פאַרהיילט אין זיין האַרצן. דעריבער ראַט איך דיר, ליבער פעליקס, גרייט אַ פאַראַד צום קבלת פנים. שפּאָר נישט קיין קרעפטן און קיין געלט, אפשר וועט זיך דערמיט באַרואיקן דעם דוכס אומרואיקער גייסט און ער וועט אונז נישט אַזויפיל מאַטערן..

באָגושעוויטש, קוואַרטירמייסטער.״

אַז רב שכנא האָט געענדיקט לייענען, איז ער אַרויס צו רייטאנען:

—ווי איך זע, גרייטסטו זיך שוין צום קבלת פנים?

—ווי זשע דען—מען קאָן דען רואיק בלייבן?

—אומזיסט. עס איז נאָך דאָ געגוג צייט. רעכן אויס. זיי פאָרן פון קרולעוויעץ. אויפן וועג האָבן זיי קאָוונע, גראָדנע, סלאָנים און נאָך אַ גאַנצע מאַסע שטעט און שטעטלעך, וואו זיי וועלן זיך אָפּשטעלן רוען. אין גראָדנע אַליין וועט דער דוכס, מיין איך, פאַרבלייבן נישט ווייניקער ווי אַ וואָך, ווארום טיזנהויזן וועט אים נישט אַרויס־אָזן, איידער ער וועט זיך אים נישט אויסבאַרימען מיט אַלע זיינע פאַבריקעס און אַנדערע נייסן, וואָס ער האָט אויפגעטאָן אין זיינע נחלאות. איך בין זיכער, אַז נאָך אַ דריי פיר וואָכן וועט געוויס געדויערן, ביז ער וועט קומען.

—ווער ווייס אים,—האָט רייטאן געענטפערט אַ פאַרביטערטער,—אפשר דריי חדשים און אפשר דריי טעג. און דאָ איז אַזאַ אומאָרדענונג. די זעלנער—די פוסגייער און די רייטער—האָבן זיך אַוועקגעלאָזט איבער די דערפער. ביז איך וועל זיי צוריק

אויפקלייבן, אָנטאָן און אויסלערנען, ווי זיי זאָלן זיך האַלטן: אַליין וועל איך דאָס גאָרנישט קענען אויפטאָן. איך האָב אַוועקגעשיקט אַ קוריער צום פּולקאָווניק מאָראַווסקי, ער זאָל קומען העלפן צוגרייטן דעם קבלת פּנים פאַר זיין פעטער. הלואי זאָל דער קוריער אים כאַפּן אין גאַליבאַק און מען זאָל נישט דאַרפן יאָגן זיך נאָך אים קיין וואַרשע, צי קיין ווילנע. און וואָס זאָל איך טאָן מיטן יאַגדמייסטער ווישניעווסקי—ער וואַלגערט זיך תמיד אַ שיכּורער און טויג שוין צו גאָרנישט. מען דאַרף געפינען אַן אַנדערן אויף זיין אָרט. אָט אַזוי איז דאָ אַ היפּש ביסל דאגהס. און דו זאָגסט, אַז ס'איז נאָך דאָ צייט. איך ראַט דיר, דו זאָלסט מיט די יידן אויך איבערריידן, זיי זאָלן וואָס גיכער גרייט זיין. קהל וועט דאָך אויך דאַרפן מאַכן אַ קבלת פּנים דעם דוכּס.

—מיר וועלן שוין טאָן אַלץ, וואָס מען דאַרף: מיר וועלן אַרויס אַנטקעגן מיט אַ ספר תּורה און מיט געזאַנג. נו, דערווייל דאַרף איך גיין. דער רב און די באַלעבאַטים וואַרטן דאָרט אויף מיר, זיי געזונט פּעליקס.

—זיי געזונט.

בּישוויזער יידן האָבן מיט אומגעדולט געוואַרט, דער גביר זאָל צוריקקומען פון שלאָס. זיי האָבן געהאָפט אויף ישועות. זיי זיינען געווען זיכער, אַז דער קוריער האָט קיין שלעכטע בשורה נישט געבראַכט, אַז דער דוכּס איז געזונט, וואָרום אויב נישט, וואָלט מען אַרויסגעשטעלט אַ טרויערפאָנע אויפן שלאָס. מסתּמא, האָבן זיי גערעכנט, קומט דער דוכּס אין בּישוויז. און ווייל זיי האָבן קיין געדולד נישט געהאַט צו וואַרטן, זיינען זיי אַוועק צום שלאָס. און ווי ר' שכנא איז אַרויס פון טויער, האָבן זיי אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, שטופּנדיק און שפּאַרנדיק זיך, שיר וואָס זיי האָבן אים נישט אומגעוואָרפן.

—פּאָרזיכטיק, יידן, איר וועט דאָך מיך צוטרעטן!—האָט רב שכנא געשריען.

—וואָס פאַר נייס? וואָס הערט זיך?—האָט זיך דער עולם נישט געקאָנט באַרויִקן.

—דער אויבערשטער האָט זיך מרחם געווען,—האָט רב שכנא מודיע געווען,—דער דוכס קומט קיין נישוויז.

און דער גאַנצער עולם האָט זיך אַלאָז געטאָן צום שטאָט:

—דער דוכס קומט, דער דוכס קומט! הערט אַלע—דער דוכס קומט!

די, וואָס זיינען געשטאַנען פון ווייטן און האָבן נישט געהערט, וואָס רב שכנא האָט דערציילט, האָבן נישט געגלויבט:

—אַן אמת טאַקע, דער דוכס קומט?—האָבן זיי געשריען.

—יאָ, יאָ, ר׳ שכנא אַליין דערציילט.

—געלויבט איז גאָט!

און די שמחה איז געוואָרן זייער גרויס. דער עולם האָט זיך רעדלעכווייז צעשפּרייט איבער די גאַסן און אַלעמען אָנגעזאָגט די שמחה: עס וועט זיין פּרנסה. יעדער האָט שוין פאַר זיך אין האַרצן גענומען אויסרעכענען, וואָס ער וועט טאָן און ווי ער וועט זיך איינאָרדענען.

—מאַכט אַ וואַרע, לאָזט אַ וועג!—האָט דער הויקער אַ פריילעכער זיך געשטופּט צווישן עולם, האַלטנדיק פאַרן האַנט דעם חבר זיינעם, אַ הויכן אַ דאַרן יידן, און האָט אויפן ביי־קול גענומען זינגען „דער רבי האָט געהייסן לוסטיק זיין".

ביידע חברים האָבן זיך פאַרלייגט די הענט אויף די אַקסלען און זיך געלאָזט טאַנצן. אַרום זיי האָט זיך אַרומגעקליבן אַן עולם. מען האָט צוגעפּאַטשט מיט די הענט און אונטערגעזונגען צוזאַמען. און אַזוי טאַנצנדיק האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויפן רב מיט די באַלעבאַטים, וואָס זיינען געגאַנגען פון דער אסיפה.

—וואָס פאַר אַ טאַנצן!—האָט דער רב אָנגעשריען.—ס׳איז שמחת תורה, וואָס?

—דער דוכס קומט צופאָרן,—האָט מען פון עולם געענטפערט.

—אָט דאָס איז די שמחה, און דערפאַר טאַנצט מען דאָס שבעה עשר בתמוז אויף דער נאַכט? שעמען מעגט איר זיך,—האָט דער רב אויסגערעדט.—גייט בעסער אַהיים, פאַרפאַסט זיך צום מאָרגעדיקן תענית.

דער עולם איז פאַרשעמטערהייט אַוועק אַהיים.

ה.

אויף מאָרגן האָט נישוויז גאָר אַנדערש אויסגעזען. דער מאַרק, וואָס איז שוין אַ לייגגערע צייט געלעגן ווי אַ טויטער פוי־לער בר־מנין, האָט אויפגעלעבט, און דורך דעם איז די גאַנצע שטאָט ווי לעבעדיק געוואָרן.

נישט די גרויסע היץ, נישט דער לאַנגער תענית פון שבעה עשר בתמוז האָבן נישט געקאָנט אָפּשוואַכן די ענערגיע און די פרייד פון די נישוויזער. מען איז געווען אַזוי פאַרטאָן און פאַרשמייעט, אַז מען האָט נישט געפילט קיין הונגער. ווי נאָר געענדיקט דאָס דאַווענען, האָט מען זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט: די קרעמער—אָפּגעעפנט די קראָמען, די שיינקער—די שיינקען, די קרעטשמערס, מיט דער האָפענונג, אַז באַלד וועלן אָנקומען געסט, האָבן זיי גענומען צוגרייטן חדרים, וואַשן, טינ־קעווען, שמירן. און סוחרים האָבן געדונגען פורלעך און זיך אַוועקגעלאָזט אין די אַרומיקע שטעט איינקויפן סחורות—שניט און גאַלאַנטעריי אָנצופילן די ליידיקע פּאָליצעס. אַלץ האָט זיך

געגריים צו דער שפע, וואָס דאַרף זיך אָנהויבן מיט דעם דוכס צוריקקומען.
אַרום האַלבן טאָג האָבן זיך אויפן מאַרק באַוויזן וועגענער און קאַרעטעס מיט אָרימע שלאַכטיטשעס פון דער געגנט, וועלכע האָבן זיך געאײלט אין שטאָט אַרײַן מקבל פּנים זײַן זייער באַשיצער דעם דוכס ראַדזיוויל, אויף וועלכן זיי האָבן געוואַרט מיט נישט ווייניקער אומגעדולט, ווי די יידן. אַ דיקער שטויב האָט פאַרדעקט זייערע פּנימער, זייערע קליידער, זייערע קאַרעטעס מיט די פערד, וואָס זייערע אויסגעדאַרטע רוקנס האָבן עדות געזאָגט, אַז די באַלעבאַטים זייערע האָבן זיך גוט אויסגעהונגערט פאַר דער צייט, וואָס ראַדזיוויל איז אַוועק פון שלאָס. אָפּגעשטעלט זיך אין מיטן מאַרק, האָבן זיך די פּריצים נישט געאײלט אַראָפּצוקריכן פון די וועגענער. זיי זײַנען געבליבן זיצן, אַרומקוקנדיק זיך, וואוהין זאָלן זיי פאַרפאָרן. אָבער די יידן האָבן זיי לאַנג טראַכטן נישט געלאָזט. פון אַלע קראָמען און שײַנקען האָבן זיי זיך אַ שאָט געטאָן אויפן מאַרק, אַרומגערינגלט די קאַרעטעס און גענומען רופן יעדערער צו זיך:
—צו מיר, פּריצל, צו מיר פאַרפאָר,—האָבן זיך געהערט קולות פון אַלע זייטן,—מיר זײַנען דאָך אַלטע באַקאַנטע. צו מיר!

—כאַפּט אייך דער רוח!—האָבן די פּריצים געענטפערט, פאַרמאַכנדיק די אויערן, זיי זאָלן נישט הערן די געשרייען.
—איך האָב פאַר מײַן פּריץ זייער אַ פײַנעם חדר,—האָט אויסגעשריען איין ייד אַ לאַנגער, אַ דאַרער מיט לאַנגע פּאות און מיט אַ שיטער בערדל.—אַ טייערער חדר... ווי אַ פּאַלאַץ—האָט דער ייד געלויבט זײַן צימער פאַר אַן אַלטן פּריץ מיט אַ קלוגן פּנים.
—ווי אַ פּאַלאַץ?—האָט דער פּריץ איבערגעפרעגט מיט געלעכטער.

—גלויב מיר אויפן וואָרט, פּריץ,—האָט דער ייד זיך נישט באַרואיקט.—אַז מען זאָל די ווענט אויסקלעפּן מיט טאַפּעטן, וואָלט דער פירשט ראַדזיוויל אַליין אין דעם צימער געמעגט וואוינען. אויף מײַן וואָרט!

—און וואָס מאַכן די וואַנצן אין דעם פּאַלאַץ ?—האָט דער פּריץ געפרעגט, וויסנדיק אויף וויפיל מען קאָן זיך פאַרלאָזן אויף דידאָזיקע ווערטער.

—וואַנצן ?—האָט דער ייד פאַנאַנדערגעשפרייט די הענט אַ פּאַר־וואונדערטער.—פון וואַנען זאָלן דאָרט זיין וואַנצן ? איך האָב אַלע שפּאַרעס אויסגערויכערט מיט טאַבאַק און אויסגעשמירט מיט נאַפט—פון וואַנען זאָלן דען זיין וואַנצן ?

—און אויב זיי זיינען דאָרט פאָרט פאַרבליבן ?—האָט דער פּריץ געפרעגט.

—דעמאָלט זיינען עס שוין נישט קיין וואַנצן,—האָט דער ייד נישט טראַכטנדיק געענטפערט.—דעמאָלט זיינען עס שוין פּשוט אַזעלכע פליגעלעך, וואָס האָבן נאָר אַ ביסל ענלעכקייט אויף וואַנצן.

—הע־הע־הע !—האָט זיך דער פּריץ פאַנאַנדערגעלאַכט, שלעפּנדיק פון קעשענע דעם ציבוק.—דאָס איז פאַר מיר אַ נייס, אַז עס זיינען פאַראַן פליגעלעך, אַ ביסל ענלעכע אויף וואַנצן. נאָר מיט אַזעלכע וואָלט איך אויך נישט וועלן האָבן קיין מגע ומשא. אַ בעט איז פאַראַן אין צימער ?

—אַ בעט און אַ טיש און אַ שטול און אַן אַלמער. אַפילו אַ זייגער אויפן וואַנט מיט אַ בושל, וועלכער זינגט בשעת דער זייגער שלאָגט. בקיצור—אַ פּאַלאַץ !

—וואָס זשע ווילסטו פאַר דיין פּאַלאַץ ?

—איך זע דאָך, אַז דער פּריץ האָט פיינט איבעריקע דבורים, וועל איך דעריבער גלייך זאָגן דאָס לעצט—אַ גילדן מיט פינף גראָשן אַ וואָך.

דער פּריץ האָט אַרויפגעלייגט אַ שטיקל הובקע אויף זיין שטאָל און האָט מיט פייערשטיין געלאַסן גענומען אויסקלאַפּן פייער.

—פאַר אַ פּאַלאַץ, אין וועלכן דער דוכס מעג וואוינען, איז דאָס נישט טייער,—האָט ער געזאָגט,—אָבער איך קען אַזויפיל נישט צאָלן. אויסער דעם, ווייסטו דאָך, אַז איך האָב אייגענע קישנס.

—אויב אַזוי איז אַ גילדן.
—און איך מיין, אַז עס וועט גענוג זיין צוואַנציק גראָשן.

—פינפאונצוואַנציק.
—נישט מער ווי צוואַנציק.
—זאָל זיין אַזוי. הער דו!—האָט דער ייד זיך שנעל אַ קער געטאָן צום קוטשער.—שלאָף נישט, קום, פאָר נאָך מיר.
און מיט טומל און מיט געפּילדער, שמוצערנדיק און שרייענדיק, האָט ער אַוועקגעשלעפּט דעם פערד פאַרן ציימל נאָך זיך. ער האָט זיך געאײַלט, כדי נאָך אַמאָל אַרויסצוגיין אין מאַרק, אפשר וועט אים געלינגען קריגן נאָך אַן אורח פאַר דעם צווייטן פּאַ־לאַץ, וואָס ער האָט צוגעגרייט.
אויף אַ צווייטן אָרט איז דעמאָלט פאָרגעקומען אַ שמועס צווישן די געסט און צווישן אַ יידן, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען.
—הערשקא!—האָט פון דערהויך פון וואָגן אַ דיקער פּריץ מיט גראָע האָר אויפן קאָפּ און מיט געלע וואָנסן געשריען צו אַ שיינקער, וואָס האָט געטראָגן די לאַנגע פּאָלעס אין די הענט, כדי זיי זאָלן אים נישט שטערן לויפן צווישן די וועגענער.

—אַ!—האָט זיך דער ייד אָפּגעשטעלט.—פּאַן כאָרונזשי.
—שולים לעק, הערשקע!—האָט דער כאָרונזשי דעם יידן דער־לאַנגט די האַנט.
—לעק מיך, פּריצל!—האָט הערשקע געענטפערט, קושנדיק ביים פּריץ די האַנט.—איך בין אַזוי צופרידן, וואָס דער פּריץ האָט מיך דערקענט.
—דיך, ליידאַק, מוז דערקענען יעדער, וואָס האָט מיט דיר איין מאָל אַן עסק געהאַט.
—הע־הע,—האָט הערשקע געמאַכט דעם פּריצס רייד פאַר אַ שפּאַס.—איך בין נישט קיין ליידאַק. אַלע פּריצים זיינען פון מיר צו־פרידן. זאָל זיי דער אויבערשטער דערלייגערן די יאָרן דער־פאַר, וואָס זיי לאָזן אַזאַ אָרימען מענטשן, ווי איך, פאַרדינען ביי זיי אַ גראָשן. דו ווייסט, פּריץ, די נייס?

—אָט דעריבער טאַקע האָב איך מיך דאָ געבראַכט צו שלאָפן. איך וויל אַריינטרעטן צום דוכס אין זיין חיל. ווי מיינסטו, הערשקע, כדאי?

—הייסט עס, אַז פירן די אייגענע באַלעבאַטישקייט איז מיאוס געוואָרן דעם פריץ?

—מיט ליידיקע הענט קאָן מען גאָרנישט אויפטאָן.

—דאָס איז אמת: אָן מזומנים איז נישטאָ קיין מחותנים.

—פאַרשטייט זיך. און וואו נעמט מען מזומנים?

—אונזער גביר קאָן דיר דען נישט לייען?

—ער קאָן לייען, נאָר איך קאָן שוין מער נישט נעמען. אים קומט שוין אַזוי אויך פון מיר אַ היפש ביסל, און ער בעט נישט. פאַרשטייסט—ער זאָגט, ווען איך וועל קענען, וועל איך דעמאָלט באַצאָלן... נאָר לאָמיר לאָזן די עסקים. איצט האָב איך געוואָלט וויסן: פאַראַן ביי דיר פיש?

—פאַראַן, פאַראַן פריץ, אַ געבראָטענער לעשץ.

—איך וויל נישט קיין לעשץ, איך וויל אַ העכט.

—איז העכט אויך דאָ. געפילטע מיט ציבעלע און פעפער—דער פריץ וועט לעקן די פינגער.

—אַי, הערשקע, דו ווייסט נאָך נישט, אַז איך האָב פיינט געפילטע פיש—דאָס איז פאַר יידן אַ מאכל.

—אָן בייז, פריץ. אין אַ צווייטער פאַן קאָכט זיך נישט קיין געפילטער העכט מיט יויך. ווען ראַדזיוויל אַליין פאַרזוכט, וואָלט ער געבעטן נאָך.

אין דער אמתן האָט הערשקע געלייגט. נישט קיין לעשץ, נישט קיין העכט האָט ער אין דערהיים נישט געהאַט. נאָר ער האָט געהאַט דעם מוט צו לייגן, מחמת ער איז געווען זיכער, אַז אפילו פון אונטער דער ערד וועט ער שטענדיק קריגן, וואָס ער וועט דאַרפן פאַר זיינע אורחים. און בנוגע דעם כאָרונזשי האָט ער גלאַט געוואוסט, אַז נישט קוקנדיק אויף אַלע זיינע פאָדערונגען, וועט ער זיך סוף כל סוף באַנוגענען מיט אַ הערינג אין עסיק און אין האָניק.

—און דיין קליין צימערל איז ליידיק?—האָט דער כאָרונזשי ווי-

דער געפרעגט. אים איז דאָסדאָזיקע צימערל געפעלן געוואָרן, ווייל עס איז געווען נאָענט צום שיינק.

—ליידיק, ליידיק פריץ!

—פאַרפאָר איך צו דיר.

—מיטן גרעסטן כבוד, פריץ, קום.

הערשקע איז טאַקע געפעלן געווען דעם כאָרונזשי, און ער פלעגט זייער גערן צו אים פאַרפאָרן, מחמת ער האָט געוואוסט, אַז אָן געלט איז ער ביי הערשקען אויך אַזוי אַ גוטער גאַסט, ווי מיט געלט. הערשקע קען אים און געטרויט אים.

קיין פערטל שעה איז נאָך נישט אַריבער און די אָנגעפאָרענע אורחים האָבן זיך צעשפרייט און באַזעצט אין אַלע עקן שטאָט, אין די „פּאַלאַצן", וואָס די יידן האָבן פאַר זיי אָנגעגרייט, און האָבן זיך גענומען פאַרן עסן און טרינקען. נאָכן עסן האָבן זיי זיך אויסגעפּוצט אין די פּירקאַנטיקע היטעלעך, מיט די גרינע סורדוטן מיט ווייסע קנעפּ, מיט די זיידענע גאַרטלען מיט זילבערנע פרענז און די רויטע סאַפּיאַנענע שטיוול מיט לאַנגע שפּאָרן פון הינטן. און אַזוי באַפּוצטע און באַוואָפנטע מיט קרומע טערקישע שווערדן, האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט אין שלאָס אַריין מעלדן זיך ביים פּאַרוואַלטער, און אגב אויך דערוויסן זיך, ווען וועט מען עס גרייטן דעם גרויסן טיש אין אונטערשטן גאָרן, וואו געוויינלעך באַקומט דערדאָזיקער עולם זיין עסן און טרינקען פון דעם דוכס.

און די יידן, נאָכדעם ווי זיי האָבן אויפגענומען און איינגעאָרדנט זייערע ערשטע געסט, זיינען צוריק אַרויס אין גאַס און האָבן יעדער נעבן זיין הויז און נעבן זיין קראָם זיך געשטעלט וואַרטן אויף נייע געסט. נאָר קיין נייע געסט זיינען מער נישט אָנגעקומען. דער עולם האָט זיך דערויף שטאַרק געוואונדערט, און מען האָט געדרונגען, אַז דעריבער זיינען אַזוי ווייניק געסט אָנגעפאָרן, מחמת צווישן די פּריצים איז ווידער קיין שלום נישטאָ, און ווידער וועלן זיך אין לאַנד אָנהויבן קריגערייען און מלחמות. אַזוי האָט מען זיך פאַרנומען מיט שמועסן וועגן

פּאָליטיק ביז עס האָבן זיך פלוצלונג דערהערט עפּיס משונה־
דיקע קלאַנגען פון דער ברייטער גאַס.
—וואָס איז דאָס? ווידער טרומייטן? נייע קוריערן?
...ן דער גאַנצער עולם האָט זיך אַלאָז געטאָן צו דער ברייי־
טער גאַס, זען, וואָס איז דאָס פאַר אַ נייס.

ו.

צו דער ברייטער גאַס זיינען געלאָפן אַלע נישוויזער איינוואוינער מיט ווייבער און קינדער, קליין און גרויס, אַלט און יונג—און אָט וואָס זיי האָבֿן דערזען:

אויף אַכֿט גראָע פערד, הויכֿע און שיינע, פֿאַרדעקטע מיט רויטע דעקעס מיט גילדערנע פרענז ביי די זייטן, זיינען לאַנגזאַם געפאָרן אַכֿט רייטער אין פיר שורות, צו צוויי אין אַ שורה. זיי זיינען געוועזן אָנגעטאָן אין קאָלירטע בונטע קליידער און פֿאַרפוצט מיט באַגולטע און באַזילבֿערטע גלעזערנע פֿאַטשערקעס. אויף די קעפּ האָבֿן זיי געטראָגן מיצלעך, געשטיקטע מיט גאָלדענע און זילבֿערנע פעדים. מיט איין האַנט האָבֿן זיי צוגעהאַלטן די לייצעס און אין דער צווייטער—די מעשענע טרומייטן און האָבֿן געשפילט סאָבֿייסקיס מאַרש. אַ טריט פינף פאָרויס איז געפאָרן, שטייענדיק אויף אַ קליינעם פאָני, אַ ייִנגל אַ ראָזעווער, מיט בלאָנדע האָר, לאַנגע ביז די אַקסלען, אָנגעטאָן אין טריקאָ פון לייבקאָליר, אַזוי אַז עס האָט פון ווייטן אויסגעוויזן,

ווי ער וואָלט געווען גאָר אַ נאַקעטער. פון הינטן אויפן רוקן האָט ער געהאַט צוויי פליגעלעך, און איבערן קאָפּ האָט ביי אים געפלאַטערט אַ פאָנע. צווישן דער צווייטער און דער דריטער שורה פון די רייטער איז געגאַנגען אַ קעמל, ביי וועלכן אויפן רוקן איז געווען אַ מין בעטל, באַדעקט מיט אַ קאָלדרע אין פּאַסן, אונטער וועלכער עס איז עפּיס געלעגן, ווי אַ צונויפגעדרייטער קערפּער פון אַ מענטשן. פון הינטן זיינען נאָכגעפאָרן דריי גרויסע קאַרעטעס, געשפּאַנטע צו פיר פּשוטע פויערשע פערד.

אַז דידאָזיקע מחנה איז אַריבער די ברייטע גאַס, ביז דעם אָרט, וואו מ׳דאַרף זיך פאַרקירעווען צום מאַרק, האָט זיך אונטער דער קאָלדרע, וואָס אויפן קעמל, פּלוצלונג דערהערט אַ פייף. די טרומייטן זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. די קאָלדרע האָט זיך אָפּגעדעקט און דער מענטש, וואָס איז אונטער איר געלעגן, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף די פיס, פאַרלייגט די הענט אויף די באָקעס און אויסגעשריען צו דעם עולם, וואָס האָט זיך געשטופּט אַרום:

—גוטן מאָרגן, יידן!

—אַ, אַ, דער פריץ טראַם־טאַם?—האָבן אַלע אויסגעשריען, דערקענענדיק זייער אַלטן באַקאַנטן, און מען האָט זיך מיט פרייד אַ לאָז געטאָן דריקן אים די האַנט.

דערדאָזיקער מענטש האָט געהייסן: סעניאָר טראַמאָנטאַנאָ. ער איז געווען אַן איטאַליענער, באַרימט פאַר אַ שיכור, אַ לעביונג און אויך פאַר אַ גוטן ברודער. דערדאָזיקער מענטש האָט געהאַט פאַרשידענע עובדאס אין שלאָס פון דוכס. ער איז געווען דער ממונה פון צירק, דער קאַפּעלמייסטער, דער טאַנצמייסטער. ער פלעגט אָנפירן מיט די מאַסקעראַדן, ער פלעגט מאַכן קונצן אויפן שטריק, באַווייזן פאָקוסן. און נאָך פיל אַנדערע עובדאס האָט ער געהאַט. אַלע אין שלאָס האָבן אים ליב געהאַט, און איבערהויפּט האָט אים ליב געהאַט דער דוכס אַליין, דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ פריילעכער און אַ וויציקער, און דער עיקר—אַ גוטער טרינקער. קיינער האָט זיך מיט אים נישט גע־

קענט גלייכן אין טרינקען. נאָר נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען אַזוי באַליבט אין שלאָס, האָט ער לאַנג פאַרבלייבן דאָרטן נישט געקענט. און רק ער פלעגט נעלם ווערן, און גאַנצענע וואָכן פאַרפאַלן ווערן אין די פינסטערע און שמוציקע געסלעך, וואָס אַרום מאַרק. און מחמת ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם דוכס, פלעגט ער פאַרענדערן זיין אויסזען און זיינע קליידער. און אַזוי פלעגט ער אַרומגיין פון איין שיינק אין דעם צווייטן און טרינקען מיט וועמען עס פלעגט זיך מאַכן, און שפילן זיך מיט קינדער און קושן זיך מיט אַלעמען, מיט וועמען ער האָט זיך באַגעגנט אין גאַס. אַזוי לאַנג פלעגט עס דויערן, ביז ער פלעגט איינגאַנצן בלייבן אָן געלט. דעמאָלט פלעגט ער זיך צוריק אומקערן אין שלאָס אַריין, איינשטילן דעם כעס פון דוכס מיט עפּיס אַ המצאה, אָדער אויסטראַכטנדיק אַ מעשה נישט־געשטויגן, נישט־געפלויגן, אַז ער איז געפאָרן כלומרשט קיין ווילנע איינקויפן נויטיקע זאַכן פאַר אַ נייע פאָרשטעלונג.

—און אויב דו ליגסט, פאַניע קאָכאַנקו?—האָט אים דער דוכס איינמאָל געפרעגט מיט חשד.

—אויב איך זאָג ליגן, זאָל מען מיך אויפהייגען—ביי דער פאַנא פעטראָנילאַ אויפן האַלז.

די פאַנא פעטראָנילאַ איז געווען איינע פון די צוועלף הויפדאַמען, וואָס אין שלאָס, זייער אַ שיינע. דער פולקאָווניק מאָראַווסקי, ראַדזיווילס פלימעניק אַליין האָט זיך צו איר געשדכנט.

—אַ, דו ליידאַק!—האָט דער דוכס אויסגעשריען.—געזען אַ תליה, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן! מיט אַזאַ תליה וואָלט אַפילו דער גרעסטער צדיק נישט בראַקירט.

—און איך בראַקיר, אפנים?

אַזוי פלעגט דעמדאָזיקן לץ שטענדיק געלינגען צו שטילן ראַדזיווילס כעס, און נאָכדעם ווידעראַמאָל אַרויסצוגנבענען זיך און פאַרפאַלן ווערן ביי די יידן. דעריבער איז קיין וואונדער נישט, וואָס די יידן האָבן אים ליב געהאַט. זיי האָבן אים גע־

האַלטן פאַר אַ דייטש, דערפאַר וואָס ער האָט מיט זיי גערעדט דייטש. זינט דער פירשט האָט פאַרלאָזט נישוויזער שלאָס, איז טראַמאַנטאַנאָ אויך נעלם געוואָרן, ווייל אין שלאָס האָט ער נישט געהאַט וואָס צו טאָן. האָט ער זיך מיט זיין טרופע שפּילער און טענצער אַרומגעשלעפּט איבער די ירידים און איבער די הויפן פון די אַרומיקע פּריצים, געגעבן פאָרשטעלונגען און פאַרדינט שטיקער געלט און גלייך פאַרטרונקען עס, ווי זיין שטייגער איז געווען. דער קוריער, וואָס רייטאַן האָט אַרויסגעשיקט אויפזוכן אים, ער זאָל אויך זיין גרייט צום קבלת פּנים פאַר דעם דוכס, האָט אים געפונען אין אַ הויף נישט ווייט פון שטאָט. און אַזוי האָט זיך טראַמאַנטאַנאָ צוריקגעקערט קיין נישוויז.

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון קעמל און האָט זיך אַרומגענומען מיט די באַקאַנטע יידן. גלייך האָט ער אָפּגעגעבן אַ באַפעל, און די פאַרמאַכטע קאַרעטעס האָבן זיך אויפגעעפנט, און פון זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסשפּרונגען קאָמעדיאַנטן און קאָמעדיאַנטקעס, טענצער און טענצערינס, ציגיינער און ציגיינערקעס, קאַרליקעס און ריזן, נעגערס און קונצנמאַכער. די צורות זיינען ביי אַלעמען געווען צעקנייטשטע און געלע פון שכּרות און פון אויסגעלאַסנעם לעבן. און אַלע זיינען זיי געווען אָנגעטאָן אין משונהדיקע בונטע זאַכן, פון וועלכע ס׳האָט געשווינדלט אין די אויגן. זיי האָבן זיך גענומען ברייגען אין אָרדענונג, און אייניקע האָבן גלייך אויפן אָרט אָנגעהויבן ווייזן זייערע קונצן, שפּרינגענדיק און ברעכנדיק זיך.

טראַמאַנטאַנאָ האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום מאַרק צו, און נאָך אים — די גאַנצע מחנה. די רייטער מיט די קאַרעטעס זיינען אַוועק צום שלאָס.

אויפן מאַרק האָט זיך די טרופע קאָמעדיאַנטן צעשפּרייט איבער די יידישע הייזער, וואו מען האָט זיי אויפגענומען, ווי אַלטע באַקאַנטע, מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס. באַלד האָבן זיך באַוויזן פייערלעך אונטער די דרייפוסן אויף די פּריפּעטשקעס, און מען האָט פאַר די נייע געסט גענומען גרייטן מאכלים.

און אַלע מיטגלידער פון דער משפחה האָבן באַדינט די טייערע געסט: איינער האָט דערלאַנגט וואַסער, אַ צווייטער אַ האַנטוך, דער אַ שפּיגל, דער אַ בערשטל צו רייניקן די זאַכן פון די געסט — אַלע אַרבעטן, אויסקוקנדיק אויף אַ גראָשן פּרנסה. און די קאָמעדיאַנטן נעמען אָן דאָס באַדינען ווי אַ זאַך, וואָס עס קומט זיי, און ברעקלען זיך און האַלטן זיך ווי די פּריצים. און די יידן נעמען דאָס אָן פאַר גוט. אין האַרצן זיינען זיי זיי טאַקע מבטל, אָבער לפּנים דערנידעריקן זיי זיך און חנפען און מאַכן זיך אונטערטעניק. אַזאַ איז שוין געווען די אָרדענונג אין פּוילן. די איינוואוינער פון לאַנד זיינען באַשטאַנען פון הערן און קנעכט. און פאַר דעם מיטעלן שטאַנד, וועלכער איז באַשטאַנען פון יידן, איז קיין אַנדער קוואַל פון וואַנען צו לעבן נישט געווען, סיידן קלייבן די ברעקלעך פון אונטער פּרעמדע טישן. דערביי האָבן זיי געמוזט איבערטראָגן אַלערליי דערנידערונגען און בזיונות. די יידן האָבן געמוזט פאַרגעסן זייער אייגענע ווערדע און בפרט די יידן פון נישוויז, וואָס איז געווען אַ פאַרוואָרפן שטעטל אָן מסחר און אָן האַנדל — זיי האָבן זיך אודאי געמוזט לאָזן באַליידיקן אַפילו פון אַזעלכע פּריצים, ווי דעם סעניאָר טראַם־טאַמס קאָמעדיאַנטן. נאָר דעם אמת דאַרף מען זאָגן, — דידאָזיקע פּריצים האָבן געהאַט אַן אויסגעצייכנטן אַפּעטיט. וואָס עס איז געווען אָנגעגרייט פאַר געסט, האָבן זיי אין איין שעה געפּטרט און געפּאָדערט נאָך. דער עולם האָט זיך שוין געגרייט ווידער נעמען זיך פאַר דער אַרבעט — קאָכן און בראָטן. נאָר פּלוצלונג האָט זיך דערהערט דער קול פון דעם שולקלאַפּער:

— יידן, אין שול אַריין!

און מען האָט אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט און מען איז אַוועק דאַווענען מנחה און מעריב.

אויף מאָרגן נאָכן דאַווענען איז געווען אַ גרויסע אספה אין קהל־שטיבל. עס איז געווען דער רב פון שטאָט, אַלע חשובע באַ־לעבאַטים און רב שכנא. מען האָט געטראַכט, ווי אַזוי שענער צו באַגעגענען דעם דוכּס. מ'האָט באַשטימט מאַכן אים אַ קבלת

פּנים אין צוויי ערטער: הינטערן שטאָט און נעבן שלאָס. הינטערן שטאָט זאָל שטיין דער רב אונטער אַ חופּה מיט אַ ספר תורה אין האַנט און מיט אַלע כּלי־קודש אַרום זיך. דער רב וועט זאָגן „ברוך הבא”, און דער חזן מיט די משוררים וועלן זינגען „מי שברך”. נעבן שלאָס זאָל באַגעגענען ר׳ שכנא מיט די אָנגעזעענע באַלעבאַטים. דאָרטן זאָל מען דעם דוכּס דערלאַנגען ברויט מיט זאַלץ און כּלי־זמר זאָלן שפּילן „שושנת יעקב”. דערביי האָט מען באַשלאָסן אַרויסרופן דעם מירער חזן מיט זיינע משוררים קיין נישוויז, וואָרום זינט עס איז געשטאָרבן דער אַלטער חזן ר׳ עוזר פּייפּיאַל, עליו השלום, האָט נישוויז קיין חזן זיך נישט געקענט צוקלייבן. כּלי־זמר האָט מען באַשלאָסן אויסצושרייבן פון סלאָנים. אַלע הוצאות אויף דעם חזן מיט די משוררים און אויף דער קאַפּעליע כּלי־זמר האָט אויף זיך גענומען רב שכנא.

נאָר דערמיט האָט זיך נאָך די פראַגע וועגן קבלת־פּנים נישט פאַרענדיקט. מ׳האָט נאָך געדאַרפט באַשליסן, ווי זאָלן זיך די נישוויזער יידן אָנטאָן אין דעם טאָג, וואָס דער דוכּס וועט קומען: אין שבתדיקן, צי אין וואָכעדיקן. וואָרום די דריי וואָכן האָבן זיך אָנגעהויבן, און דער דוכּס קאָן נאָך אפשר גאָר קומען אין די ניין טעג, ווען מען פראַוועט אבלות און מען טאָר זיך אַפילו שבת נישט אויספּוצן. דער רב האָט זיך געמאַטערט איבער דער פראַגע און האָט סוף־כּל־סוף געפונען אַן אויסוועג:

—אָט וואָס, רבותי,—האָט ער געזאָגט.—פון איין זייט ווערט דערציילט אין דער גמרא, אַז בעת אַלעקסאַנדער מוקדון איז אָנגעקומען קיין ירושלים, האָט דער כּהן־גדול אָנגעטאָן די בגדי כּהונה. פון דער צווייטער זייט טאָרן מיר נישט פאַרגעסן, אַז אונזער דוכּס איז פאָרט נישט אַזאַ גרויסער מענטש, ווי אַלעקסאַנדער מוקדון. דעריבער דאַרפן מיר אַזוי טאָן. אויב דער דוכּס וועט קומען ביי דער נאַכט, וועלן מיר אים באַגעגענען אין וואָכעדיקן, און אויב בייטאָג וועט ער קומען, וועלן מיר פון אויבן אויף די וואָכעדיקע קליידער אָנטאָן די שבתדיקע

מאַנטלען. אַלנפאַלס וועלן מיר קיין שטריימעלעך נישט אָנטאָן, ווייל דאָס איז לכל הדעות אסור.
מען האָט געהייסן ר׳ צדוק דעם שמש אויסרופן וועגן דעם באַשלוס אין שול נאָך מעריב, די אספה האָט זיך געענדיקט און דער עולם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.
ר׳ שכנא איז אויך אַוועק אַהיים, גייענדיק לאַנגזאַם, ווי זיין שטייגער. פלוצלונג זעט ער, עס לויפט זיין משרת יעקב.
—נאָך מיר לויפסטו עס, יעקב?—האָט ער געפרעגט.
—יאָ, באַלעבאָס, נאָך אייך,—האָט דער משרת געענטפערט אַ פאַרסאָפעטער.
—וואָס זשע איז. ס׳האָט עפּיס געטראָפן אין דער היים?
—איך ווייס נישט,—האָט דער משרת געענטפערט.—נאָר די באַלעבאָסטע האָט מיך געהייסן לויפן, איר זאָלט וואָס גיכער גיין אַהיים.
—וואָס איז די מעשה? אימיצער איז געקומען?
—רייטאַן איז דאָרט.
—אָט דאָס גאָר?—האָט ר׳ שכנא אויסגעשפּייט.—איך האָב געמיינט, גאָט ווייס וואָס.
ער איז אַוועק אַהיים און האָט געפונען רייטאַנען ביי זיך אין קאַבינעט אַ בלאַסן, ווי קאַלך. ר׳ שכנא האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּיס אַ צרה איז געשען.
—וואָס איז, פעליקס?—האָט ער געפרעגט.
—נאַ, לייען איבער, וועסטו זען,—האָט יענער אים דערלאַנגט אַ בריוו.
ר׳ שכנא האָט מיט ציטערדיקע פינגער אויפגעעפנט דעם בריוו און האָט איבערגעלייענט:
„פאַניע קאָכאַנקו. איך האָב זיך געוואָלט מיטן פירשט סאַפּעהאַ, אַז אין יולי חודש וועל איך אַריינפאָרן קיין נישוויז אויף אַ שליטן. דעריבער הייס איך דיר, פאַניע קאָכאַנקו, מאַכן אַ שליטשליטן, און אויב דו וועסט נישט וועג פון מלינע ביז נישוויזער פּאַלאַץ. מאַכן, שווער איך דיר, פאַניע קאָכאַנקו, אַז איך וועל דיר, מיט דעם אויבערשטנס הילף, אַלע ביינער צוברעכן, ווארום דער

דופס ראַדזיוויל, פּאַניע קאָכאַנקו, באַרימט זיך נישט אומזיסט.
ראַדזיוויל, דופס."

—נו, וואָס זאָגסטו דערויף?—האָט רייטאַן געפרעגט.
—וואָס זאָל איך זאָגן?—האָט ר' שכנא אַ שליידער געטאָן דעם בריוו.—ער איז דאָרט, הפּנים, גאָר אינגאַנצן פון זינען אַראָפּ.

—ווייסט, וואָס איך וועל אים טאָן?
—וואָס?
—אָט וואָס: איך וועל אים אונטערצינדן דעם שלאָס פון אַלע פיר זייטן און אַנטלויפן אין עק וועלט. און זאָל ער באַכדעם פאָרן אַפילו אויפן בויך—מיר איז אַלץ איינס.
—ניין, פעליקס, דאָס טויג נישט. מען דאַרף נישט ריידן קיין נאַרישקייט. בעסער מישב זיין זיך, וואָס קאָן מען דאָ טאָן.
—און אַז דו וועסט זיך צען יאָר נאָכאַנאַנד מישב זיין—וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? ווי וועסטו אים אין מיטן תמוז מאַכן אַ שליטוועג?
—פונדעסטוועגן...—האָט ר' שכנא געזאָגט, און האָט גענומען גיין איבערן צימער הין און צוריק טראַכטנדיק.
—טראַכט זיך, וויפיל דו ווילסט. איך האָב נישט וואָס צו טראַכטן,—האָט רייטאַן געזאָגט און גענומען אָנשלאָגן זיך אַ ציבוק מיט טאַבאַק.
אין עטלעכע מינוט אַרום איז ר' שכנא צוגעגאַנגען צו רייטאַנען.
—נו, וואָס, דו האָסט עפּיס צוגעטראַכט, חכם מיינער?—האָט רייטאַן געזאָגט בייז.
—איך מיין, אַז יאָ,—האָט ר' שכנא אַ צופרידענער געגלעט זיך די באָרד.
—אדרבא, לאָמיך הערן.
—דו לאַך נישט, פעליקס. עס דאַרף נאָר קאָסטן אַ פולע געלט.

—פאַר געלט דאגה נישט. צוויי פעסלעך גאָלד שיט איך אויס, אויב מען וועט נאָר קאָנען נאָכגעבן אים די משוגעת זיינע.

—נו, וועט זיין גוט.

—ווי אַזוי־פּאַר גאָלד וועסטו זומער אַראָפּברייגען אַ שניי?

—הער, פעליקס. מען קען דאָך מאַכן אַ שליטוועג נישט נאָר פון שניי, נאָר פון זאַלץ אויך.

—זאַלץ—האָט זיך רייטאַן פאַרוואונדערט.—און וואו וועט מען נעמען אַזויפיל זאַלץ?

—פאַר דעם דאגה נישט. איך האָב אַ היבש ביסל זאַלץ אין פאַרשידענע ערטער. ווייטער איז ביי טיזנהויזן אין גראָדנע פאַראַן אַ פולע זאַלץ. איך וועל אים צוזאָגן, אַז ביז ווינטער וועל איך אים צוריק אָפּגעבן—וועט ער מיר לייען. און דאָס וועט קלעקן אויסצולייגן אַ שליטוועג פון מלינע ביז נישוויז. נו, וואָס זאָגסטו?

—איך זאָג גאָרנישט,—האָט רייטאַן געזאָגט אַ פאַרזאָרגטער.—טו, וואָס דו ווילסט. איך וועל קיין געלט נישט זשאַלעווען, און פויערים אויף דער אַרבעט וועל איך דיר געבן וויפיל דו פאַרלאַנגסט. נאָר אויב עס וועט קיין שליטן נישט זיין, וועל איך אונזער דוכס מאַכן אַזאַ פייער, אַז ביזן הימל וועט דערגרייכן. און זאָל ער וויסן.

—נאָר נישט זיי אַזוי אָפּהענטיק,—האָט ר' שכנא באַרואיקט זיין גוטן פריינט.—און אויפן דוכס זיי נישט אַזוי ברוגז. אם ירצה השם, ס'וועט זיך אַלץ ענדיקן גוט און דער דוכס וועט אויך זיין צופרידן. וואָרום סוף־כל־סוף דאַרפן מיר אים דאָך צופרידנשטעלן: אַרום אים לעבן מיר דאָך.

דריי וואָכן זיינען אַריבער, זינט עס איז אָנגעקומען די בשורה, אַז דער דוכס קערט זיך אום קיין נישוויז. די שטאָט האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל. מענטשן האָבן זיך אָנגע־קליבן פינף מאָל אַזויפיל, ווי געווען — אַלע שלאַכטיטשעס פון דער געגנט, וואָס רייבן זיך אַרום דוכס, און אַ מאַסע אַרבעטער, וואָס האָבן דעם שלאָס געדאַרפט באַפּוצן און אַלץ צוגרייטן צום קבלת פנים. ביי די נישוויזער באַלעבאַטים איז ערגעץ קיין ליידיק ווינקעלע נישט געבליבן, אומעטום איז געווען באַזעצט. אין די שיינקען איז געווען אייננ פון די מאַסן באַזוכער. נישוויזער יידן האָבן געהאַט פרנסה בשפע. זיי האָבן שוין באַקומען פאַר די גאַנצע צוויי יאָר, וואָס מ׳איז געזעסן אָן פרנסה. אמת, נישט אַלע האָבן געצאָלט מיט מזומן. דאָס רוב האָט מען גענומען אויף קרעדיט, און די רעכענונגען האָט מען פאַרשריבן מיט קרייט אויפן וואַנט. אָבער דאָס איז גאָרנישט. נישוויזער באַלע־באַטים אַליין האָבן אויך אַלץ באַקומען אויף באָרג. און אַז מען

פלעגט דאַרפֿן צאָלן, און ס׳איז נישט געווען מיט וואָס, פלעגט ר׳ שכנא קומען צו הילף. דערויף האָט שכנא געהאַט אַ באַזונ־דער פושקע, איבער וועלכע די באַלעבאָסטע איז געווען רחל־לאה די גבירטע, און זי איז געווען זייער צופרידן פון אַ מצוה.

—אַ דאַנק דיר, רבונו של עולם,—פלעגט זי זאָגן, וואָס דו האָסט מיך מזכה געווען מיט אַ מצוה. זאָל זי מיר איבער הונדערט מיט צוואַנציק יאָר ביישטיין.

און כדי איר שכר אויף יענער וועלט זאָל נישט געמינערט ווערן, האָט זי געהאַט אַ כתב אונטערגעשריבן פון רב, אַז אַ העלפט עולם־הבא פאַר „גמילות הסדים", וואָס קומט רב שכנאַן, געהערט צו זיין ווייב מרת רחל־לאה. דעמדאָזיקן כתב האָט זי געהיט און האָט אים געהאַלטן, מען זאָל אים איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר אַריינלייגן צו איר אין קבר.

אַלע הכנות, צו באַגעגענען דעם דוכס, זיינען געמאַכט געוואָרן. אונטער שטאָט האָט מען אויסגעבויט טריאומפאַלע טויערן. אַ שליטוועג איז דורכגעפירט געוואָרן פון זאַלץ. די קנעכט און די חילות פון דעם דוכס זיינען געווען אָנגעטאָן אין די פּאַר־מעס און זיינען געשטאַנען גרייט אויף זייערע פּאָסטנס. די זינגער און די מוזיקאַנטן—אין דער געהעריקער צאָל. סעניאָר טראַמאַנטאַנאָ—פאַרזעצט, ער זאָל פלוצלונג נישט נעלם ווערן, ווען מען וועט אים דאַרפן. כדי אַלע זאָלן זיין אויף די ער־טער און שטענדיק גרייט, פלעגט רייטאַן אָפט פלוצלונג מאַכן טרעוואָגעס, קלינגענדיק אין גלאָק און אָנצינדנדיק ראַקעטעס פאַר אַ סימן, כלומרשט, אַז דער דוכס קומט אָן.

די יידן האָבן זיך אויך געגרייט, ווי עס געהער צו זיין. מען האָט געלאָזט מאַכן אַ נייע חופה. די גרויסע חלה, מיט וועלכער מען האָט געדאַרפט באַגעגענען דעם דוכס, איז געלעגן אַ פּאַר־טיקע. די סלאָנימער כלי־זמר האָבן שוין געוואַרט, און דער מירער חזן איז שוין געקומען און פּרובירט זיין כלי אין אַ מוסף, וואָס ער האָט געדאַוונט שבת־חזון. ער האָט זייער אויס־געגומען ביים עולם. רב פראָכאָר דער באָד־גוי האָט אים גע־

לויבט ביז אין הימל אַריין.

—ניין,—האָט פּראָכאָר פאַר זיך גערעדט, פאַרקערנדיק יענעם שבת נאָכן דאַווענען.—אַזאַ מוסף האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געהערט. ר׳ עוזר פּייפּיאָל איז דאָך עפּיס געווען אַ חזן איינער אין דער וועלט—נאָר צו דעם האָט ער קיינמאָל נישט דערגרייכט. דאָס זאָל מיר שוין דער נפטר מוחל זיין, „שטאָ פּראַוודאַ—טאָ ניע גריעך”.

בקיצור, אַלץ איז געטאָן געוואָרן און אַלץ איז גרייט געווען מקבל פּנים צו זיין דעם דוכּס. און אַלע האָבן אויף אים גע־וואַרט פון רגע אויף רגע. נאָר ווען וועט ער פאָרט קומען, דאָס האָט קיינער נישט געקענט וויסן. דאָס האָט אַפילו רייטאַן אַליין נישט געוואוסט, ווייל דאָס איז געווען געווענדט אָן דעם פירשטס משוגעת. דעריבער האָבן אַלע רואיק געוואַרט. די יידן זיינען אויך געווען רואיק. זיי זיינען געווען זיכער, אַז עס וועט נאָך געדויערן עטלעכע טעג, ביז ער וועט זיך אויסקלייבן אַרויסצופאָרן פון דעם וואַלד־שלאָס, וואו ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט רוען און האָט זיך דערוויייל פאַרנומען מיט מאָלצייטן און מיט נאַרישקייטן.

אָבער פּלוצלונג איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ משוגעת.

דאָס איז געווען ערב תשעה באב. נישוויזער יידן—די סוחרים, קרעמער, שיינקערס בעל־מלאכות און כּלי קודש, וואָס פון ערשטן קוק אויף זיי האָט מען געקענט זען, אַז זיין טראַכטן וועגן פּרנסה מער ווי וועגן משיחן, וואָס זאָל זיי קומען אויסלייזן פון גלות, האָבן זיך געגרייט מקיים צו זיין די דינים פון שלחן ערוך: באַקלאָגן דעם חורבן פון בית המקדש. אומעטום איז געגאַנגען אַ פאַרע פון די מילכיקע לאָקשן, מיט וועלכע מען האָט זיך פאַרפאַסט. נעבן די אויוונס זיינען געשטאַנען ביינק־לעך, וואָס האָבן היינטיקס מאָל געדינט אָנשטאָט טישן. ביי די־דאָזיקע ביינקלעך זיינען געזעסן די באַלעבאַטים און האָבן גע־פּראַוועט די סעודה המפסקת פון בייגל מיט האַרטע אייער איינ־געטונקט אין אַש—אַ סימן פון אבלות. נאָך דעם עסן איז דער עולם אַוועק אין שול צו די קינות, גיסן טרערן אויפן חורבן.

דאָס מאָל האָבן זיך נישוויזער יידן געגרייט אויף גאָר געראָ־
טענע קינות, מחמת רב שכנא האָט איינגעלאַדן צו זאָגן די
קינות דעם מירער חזן, וואָס האָט געקאָנט מאַכן, אַז אַ שטיין
זאָל וויינען. און נישוויזער יידן האָבן טאַקע קיין טעות אין
חשבון נישט געהאַט. דער מירער חזן האָט באַוויזן אַזעלכע
וואונדער מיט זיין שטים, אַז דער גאַנצער בית־מדרש איז צו־
רונען געוואָרן אין טרערן.

און פונקט אין דער צייט, ווען דאָ האָט דער עולם אַזוי גע־
שמאַק געוויינט ביי די קינות, איז אין שלאָס אָנגעקומען אַ
ידיעה, אַז דער דוכס מיט זיין סוויטע זיינען שוין אונטערן
שטאָט. רייטאַן האָט אין גרויס איילעניש געגעבן אַ באַפעל, און
אַלע, וואָס האָבן שוין פון לאַנג אָן געוואַרט אויף דער רגע,
האָבן זיך געשווינט אַוועקגעלאָזט צו די טריאומפאַלע טויערן,
אויף וועלכן מען האָט גלייך אָנגעצונדן לאַנטערנעס. דער דוכס
איז דורכגעפאָרן אין אַ שליטן, אַ מחנה רייטער האָבן אים באַ־
גלייט מיט שטורקאַצן אין די הענט, און די גאַנצע שליאַכטע,
וואָס ביים טויער, האָט זיך אויסגעשטעלט אין צוויי שורות און
אויסגעזונגען: To pan, to pan, to dobrodziej nasz! די מוזי־
קאַנטן האָבן אָנגעהויבן שפילן סאָבייסקיס מאַרש, און פון דער
באַטאַרעיע אין שלאָס האָט מען אויסגעשאָסן מיט האַרמאַטן.
אַלץ איז אָפּגעטאָן געוואָרן, ווי עס דאַרף צו זיין. יעדער איז
געווען אויף זיין אָרט, ביי דעם קבלת פנים, נאָר די יידן האָבן
זיך צושפּעט דערוואוסט, און זייער אָרט איז געבליבן ליידיק.

אַ שרעק איז אָנגעפאַלן אויף אַלע יידן, און איבערהויפּט אויף
דעם רב און אויף רב שכנא דעם גביר. זיי האָבן געטראַכט,
אַז אַזאַ נאַכלעסיקייט וועט זיי דער דוכס נישט מוחל זיין, און
זיי זיינען אַוועק אַהיים מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ.

יענע נאַכט האָבן פיל פון די נישוויזער נישט געקאָנט אַנשלאָפן
ווערן מחמת אומרואיקייט, און דער רב מיט רב שכנאן האָבן
אודאי קיין אויג נישט געקאָנט צומאַכן, וואָרום אַלס פאָרשטייער
פון דער קהילה, זיינען זיי געווען מער פאַר אַלעמען פאַראַנט־

וואָרטלעך דערפֿאַר, וואָס מען האָט דעם דוכס נישט באַגעגנט.

—דאָס שטראָפֿט אונז גאָט דערפֿאַר,—האָט דער רב געטראַכט מיט אַ צובראָכן האַרץ,—וואָס מיר האָבן אונזער האָפֿענונג געלייגט אויפֿן דוכס, אויף אַ בשר ודם. מיטן מויל האָבן מיר מתפּלל געווען צו גאָט, און אין האַרצן האָבן מיר געטראָגן די האָפֿענונג אויף אַ מענטשן...

און רב שכנא איז ביי זיך אין קאַבינעט אַרומגעגאַנגען אַ צוטראָגענער און ער האָט געטראַכט:

—ווי קאָן מען וויסן, וואָס עס קומט איצט פֿאָר אין שלאָס. צי האָט דער דוכס באַמערקט, וואָס די יידן האָבן געפֿעלט ביים קבלת פּנים, צי נישט. און ווי האָט ער דאָס אָנגענומען, אויב ער האָט באַמערקט. רייטאַן וועט דערציילן, ער וועט נישט פֿאַרלייקענען. ער וועט נאָך מסתמא היינט קומען. נאָר הלואי וואָלט ער שוין געקומען.

און ער האָט זיך געזעצט אויפֿן ביינקעלע וואַרטן אויף רייטאַנען.

איין מענטש נאָר האָט די נאַכט גוט געשלאָפֿן, דאָס איז געווען רב צדוק דער שמש. ער האָט אויף דערדאָזיקער נאַכט געלייגט גרויסע האָפֿענונגען.

ר׳ צדוקן איז שוין די שמשות לאַנג מיאוס געוואָרן, איבערהויפּט דערפֿאַר, וואָס זי האָט אים געגעבן ווייניק צום לעבן. און דאָ זיינען אונטערגעוואַקסן קינדער, מען דאַרף חתונה מאַכן טעכטער און קיין מיטלען דערויף זיינען נישטאָ. האָט ער אין דער נאַכט פֿון תשעה באב, ווען די הימלען עפֿענען זיך, און יעדער קאָן בעטן, וואָס ער פֿאַרלאַנגט, און עס ווערט מקוים, באַשטימט נישט צו שלאָפֿן, אָפּהיטן די רגע, ווען די הימלען וועלן זיך עפֿענען, און בעטן אַ יאַרמלקע מיט דוקאַטן. אַז ער וועט האָבן אַ יאַרמלקע מיט דוקאַטן, לאַכט ער זיך אויס פֿון דוכס ראַדזיוויל און פֿון אַלע גבאים. דעמאָלט קען אים שוין אָנשטיין אַליין צו ווערן אַ גבאי אין שול און טיילן עליות דעם עולם, נישט זיין קיין שמש.

און ער האָט געהייסן דער ווייב יאַכנע בתיה אויסבעטן אים אין הויף. יענע האָט אים אָנגעקוקט, ווי אַ משוגענעם, וואָס עפּיס פּלוצלונג שלאָפן אויפן הויף?

—די קישנס זיינען אַזוי אויך צעריסענע, אַז איך וועל זיי נע־מען שלעפן אין הויף אַריין, וועט קיין איינציקע פעדער נישט בלייבן,—האָט זי געזאָגט.

נאָר ר׳ צדוק האָט איר געענטפערט:

—איך שפּיי אויף דיר און אויף דיינע קישנס. מאָרגן גיב איך דיר צען נייע קישנס.

—פון וואַנען רעכנסטו דאָס מאָרגן רייך צו ווערן. דו האָסט אליהו הנביא באַגעגנט, וואָס?

—טראַכט, וואָס דו ווילסט, נאָר וויסן זאָלסטו זיך, אַז, אם ירצה השם, אויף שבת נחמו טוען מיר זיך אַלע אָן ווי די גראַפן.

די זיכערקייט, מיט וועלכער ער האָט גערעדט, האָט אַרויס־גערופן ביי יאַכנע בתיהן אַ גלויבן אין זיינע רייד: אַ מענטש איז דאָך נישט משוגע, אַז ער רעדט, מסתמא ווייס ער. און אַז ער זאָגט, מען וועט זיך אָנטאָן ווי די גראַפן, ווילט זיך וויסן, וואָס מיינט ער איר צו מאַכן. איז זי צוגעשטאַנען:

—צדוק, קרוין, זאָג מיר נאָר, וואָס רעכנסטו מיר אויפצונייען?

—אַ זיידענע קלייד.

—מיט גאָלד געשטיקט?

—דאָס נישט.

—אָט אַ קמצן,—האָט זיך יאַכנע בתיה פאַרקרימט.

—אַ קמצן, צי נישט,—האָט רב צדוק צעפּגעשניטן,—גענוג פאַר דיר אַ זיידענע קלייד אָן גאָלד געשטיקט.

—נא טאָ זאָל די ברוסטטיכל זיין מיט גאָלד.

—דאָס אויך נישט.

—אַזאַ קלייניקייט!

ר׳ צדוק איז אין כעס געוואָרן:

—אָט אַ יידענע. ביי איר איז רעכט מיך בדלות צו שטעלן. איצט גייט זי אין שמאַטעס, און אַז מען זאָגט איר—אַ זיידענע קלייד—איז איר גאַנץ קנאַפּ. האָסטו געהערט אַ רציחה פון אַ יידענע!

און יאַכנע באַתיה האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. זי האָט אַרויס־געטראָגן די קישנס מיט דער פערינע אין הויף און האָט אויס־געבעט אַ געלעגער פאַר ר׳ צדוקן אויפן מיסט. דערווייל האָט ר׳ צדוק אָפּגעלייענט קריאת שמע און האָט זיך אַוועקגעלייגט און האָט מיט ברייט געעפנטע אויגן גענומען קוקן אין הימל אַריין, צוהאַלטנדיק די יאַרמלקע, גרייט צו דער רגע, ווען דער הימל וועט זיך עפענען, און ער וועט בעטן אַ פולע יאַרמלקע מיט דוקאַטן.

ח.

דער פירשט ראַדזיוויל האָט אויך יענע נאַכט נישט געקאָנט
שלאָפן. דאָס בלוט האָט אין אים געקאָכט און די נערוון
זיינען ביי אים געווען אָנגעצויגן. ער האָט אָפּגעשפּיליעט אַ קנאָפּ
פון זיין בגד, נאָר אויסגעטאָן דעם בגד האָט ער נישט, און
מיט דעם ציבוק אין האַנט האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט איבערן
צימער אַ צערייצטער. דער קבלת פּנים האָט אים נישט באַפרי־
דיקט. ער איז אַ ברוגזער אַריין אין שלאָס און האָט געהייסן
אַלעמען אַוועקגיין, אַפילו זיין פּלימעניק, דעם פּולקאָווניק מאַ־
ראַווסקי, האָט ער אַרויסגעטריבן. ער איז אַריין צו זיך אין
קאַבינעט, גייענדיק אַראָפּגעשליידערט פון זיך דאָס, וואָס ער
האָט געטראָגן. רייטאָן, וועלכער האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּיס אַ
שטורם גרייט זיך, האָט געטראַכט, מיט וואָס קאָן ער דעם דוכס
באַרואיקן. ער האָט דעריבער געהייסן אַריינלאָזן אין צימער דעם
פּאַפּוגיי, וואָס האָט געקאָנט ריידן, און די קאַץ. דאָס זיינען
געווען ראַדזיווילס ליבלינגען. אָבער ראַדזיוויל האָט אויפן פּאַ־

פוגיי אַפילו קיין קוק נישט געטאָן, גלייך ווי אויף זיין גע־ליבטע צייטונג, וועלכע איז פאַר אים גרייט געווען אויפן טיש. און די קאַץ האָט ער דערלאַנגט מיט אַ קאַנטשיק: „צו אַלדי רוחות, פאַניע קאָכאַנקו, צו אַלדי רוחות!"—ביז ער האָט זי נישט פאַרטריבן פון צימער.

וואָס זשע איז דער פירשט געווען אַזוי צוטראָגן? דאָס איז גע־ווען דערפאַר, וואָס אין וועג, פאַרן אַריינפאָר קיין נישוויז, אויף דער לעצטער סטאַציע, האָט ער דערהאַלטן אַ פּאַק בריוו פון קראָקע, וואַרשע און ווילנע. אין דידאָזיקע בריוו האָט מען אים געשריבן וועגן פאַרשידענע נייסן, וואָס מען רעכנט אַיינצופירן אין דער רעגירונג. אמת, דער דוכס האָט זיך קנאַפּ וואָס אָפּ־געגעבן מיט פּאָליטיק, אָבער איינער פון די ליטווישע מאַגנאַטן האָט געמוזט אַריינגעצויגן ווערן אין די פאַרשידענע אינטריגעס צווישן די פּאַרטייען. דידאָזיקע בריוו זיינען פול געווען מיט אַזעלכע אינטריגעס. פאָרשטייער פון פאַרשידענע פּאַרטייען, וועל־כע האָבן אים געוואָלט געווינען פאַר זיך, האָבן פאַר אים גע־מסרט איינע אויף די אַנדערע, און דער איינדרוק פון אַלע בריוו אינאיינעם איז געווען, אַז אַלע פּאַרטייען לאַכן אים הינ־טער אַרום אויס און נאַרן אים—דאָס איז פאַר אים געווען קלאָר, און דעריבער איז ער געווען אַזוי אויפגעבראַכט.

—הייסט עס, משמעות, אַז זיי האַלטן מיך אַלע פאַר אַ שוטה,— האָט ער געזאָגט און האָט די בריוו צעריסן אויף ברעקלעך און צעטראָטן מיט די פיס.—טאָ זאָלן זיי אַקאָרשט וואַרטן, איך וועל זיי שוין ווייזן, ווער איך בין. זאָל זיך אַקאָרשט צונויפקלייבן דער סיים, וועל איך זיי מיט מיין קאַנטשיק לערנען שכל און דרך־ארץ. זיי וועלן מיך שוין געדיינקען, כל זמן זיי וועלן לעבן.

אַז ער איז אַליין פאַרבליבן אין צימער נאָכדעם, ווי ער האָט אַרויסגעטריבן די קאַץ, האָט ער נישט געקענט באַרואיקן זיך. שלאָפן איז ער נישט געגאַנגען, און ער האָט געזוכט צו ווע־מען צוצוטשעפען זיך, כדי אויסצולאָזן צו אים זיין כעס. פּלוצ־לונג איז רייטאַן אַריין אין צימער:

—וואָס דאַרפסטו?—האָט דער דוכס געפרעגט אין כעס.
—אַ קוריער איז געקומען פון וואַרשע.
—פון וואַנען?
—פון וואַרשע.
—וואָס דאַרף ער?
—ער האָט געבראַכט אַ בריוו פון דער רעגירונג, פון פאַן זאַ־מאָיסקי.
—ברייננ אַהער.
—איך בין זיכער, אַז דאָ וועט אויך זיין חניפה און פאַלשקייט פון די הויפלייט, ווי אין יענע בריוו,—האָט דער דוכס גע־טראַכט, ווען רייטאַן איז אַוועק.—אָבער איך וועל דידאָזיקע פון קעניגלעכן הויף אויך ווייזן ווער איך בין. איך וועל פון זיי די הויט אַראָפּשינדן—דעמאָלט וועלן זיי וויסן, ווי מ׳דאַרף מורא האָבן פאַר דעם דוכס ראַדזיוויל.
אָבער אין זאַמאָיסקיס בריוו איז געווען גאָר עפּיס אַנדערש:

„זיין קעניגלעכע הויכקייט און די הערן פון סיים האָבן מיך באַפולמעכטיקט אָנצושרייבן נייע געזעצן פאַר די איינוואוינער פון אונזער לאַנד, אויך אַרויסגעבן נייע געזעצן פאַר יידן, וואָס וואוינען אין די גרענעצן פון אונזער מדינה אין די מאַיאָנטקעס פון אונז ע־ שליאַכטע. דעריבער בעט איך דיך, מעכטיקער דוכס, צושטעלן מיר ידיעות וועגן די יידן, וואָס וואוינען אין דיינע מאַיאָנטקעס. דערפאַר וועט דיר דאַנקבאַר זיין
אַנדריי זאַמאָיסקי.
—די זשידקעס!—האָט דער דוכס אויסגעשריען, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן. זיי ווילן נעמען אונטער זייער שוץ מיינע זשידקעס? אומזיסט, פּאַניע קאָכאַנקו, דאָס וועט נישט גיין, פּאַניע קאָכאַנקו. איך בין באַלעבאָס איבער מיינע זשידקעס, און אַז איך וויל, טרייב איך זיי גאָר אַרויס פון מיינע מאַיאָנטקעס, און אַז איך וויל, צעשמייס איך זיי אויף טויט. ווער קען מיר פאַרווערן? העי, רייטאַן!
רייטאַן איז אַריין.

—וויפיל זשידקעס האָבן מיר דאָ?—האָט דער דוכּס געפרעגט אין גרימצאָרן.

—דרייהונדערט זיבנאונאַכציק נפשות, מאַנסביל און פרויען.

—און אַלע לעבן און זיינען געזונט?

—יאָ, מיין הער.

—פאַרוואָס זשע איז קיינער פון זיי נישט געוועזן ביין אַריינגעפאָרן אין שטאָט? פאַרוואָס זיינען זיי נישט אַרויס באַגעגענען זייער פּריץ און הערשער?

רייטאַן איז געשטאַנען אַ צעמישטער און האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

—דו, פּאַניע קאָכאַנקו, ווייסט נישט,—האָט דער דוכּס ווייטער גערעדט, און זיין כּעס האָט אַלץ געשטייגט.—דו ווייסט נישט, טאָ הער, וועל איך דיר דערציילן: די זשידקעס זיינען קלוגינקע און כיטרינקע. זיי האָבן דערשמעקט מיט זייערע נעז, אַז אַ נייער ווינטל בלאָזט פון קעניגלעכן הויף. אין וואַרשע טראַכט מען זיי אַרויסצונעמען פון אונזערע הענט, האָבן זיי באַקומען די העזה און האָבן געגעבן אָנצוהערעניש: „אָט האָסטו זיך, פּאַניע קאָכאַנקו, דו ביזט שוין איבער אונז קיין באַלעבאָס נישט, מער האָבן מיר שוין פאַר דיר מער קיין מורא נישט, און קענען דיך, פּאַניע קאָכאַנקו, וועלן מיר מער נישט”.

—כ'בעט דיך איבער, מעכטיקער הער,—האָט רייטאַן אָנגעהויבן מיט דער האָפענונג צו דערווייזן דעם דוכּס, אַז ער האָט אַ טעות.—איך אַליין בין אַן עדות, ווי שטאַרק זיי האָבן געבענקט נאָך דיר, אַז דו זאָלסט צוריק קומען. און איך ווייס, אַז זיי האָבן געמאַכט גרויסע הכנות צו דער באַגעגעניש. דאָ איז עפּיס פאָרגעקומען אַ טעות, וואָס זיי האָבן דורכגעלאָזט די צייט.

—אַ טעות! האַ־האַ־האַ! יידן האָבן קיינמאָל נישט קיין טעות. זיי ווייסן שטענדיק וואָס און ווען זיי האָבן צו טאָן. זיי זיינען גענוג קלוג. זיי שמעקן אַלץ אויס, ווי אַ הונט. פאַר זיי איז קיין סוד נישטאָ. איצט האָבן זיי דערשמעקט, וואָס פאַר

אַנייסן עס גרייטן זיך אין וואַרשע, אַז פּאַרוואָס זיי לאַכן זיך אויס פון מיר.

—איך קען אָבער עדות זאָגן, מעכּטיקער הער, אַז זיי זיינען דיר געטריי און איבערגעגעבן מיט לייב און נפש. טאָג און נאַכט מאָליען זיי זיך צו זייער גאָט פאַר דיין געזונט. אומזיסט ביזטו אויף זיי אין כּעס. לאָז מיך, הער, וועל איך אונטער־לויפן אין שטאָט אַריין און וועל מיך דערוויסן די סיבה, וואָס האָט זיי געשטערט אַרויסצוגיין אַנטקעגן זייער דוכּס, אויף וועלכן זיי האָבן געוואַרט מיט אומגעדולט.

—פאַרבלייב דאָ,—האָט דער דוכּס געהייסן,—איך וועל מיך אַנ־דערש באַגיין מיט די זשידקעס. איך וועל זיי ווייזן, וואָס איך קען, און זאָלן זיי וויסן, ווער איז ראַדזיוויל. זאָל מען דאָרט אין וואַרשע שרייבן געזעצן, וויפיל עס ווילט זיך דעם קעניג און זיינע קנעכט, אָבער דאָ, אין מיינע מאַיאָנטקעס, בין איך דער באַלעבאָס. דאָ בין איך מיט גאָטס הילף דער קעניג און דער געזעצגעבער, נישט אימיצער אַנדערש. און דו, פּאַניע קאָ־כאַנקו, אַט וואָס דו זאָלסט טאָן: גיי קלייב אויף די היידוקעס און מיט די נאַהייקעס אין די הענט זאָלן זיי זיך שטעלן אַרום שטאָט, אַז קיין לעבעדיקער נפש זאָל נישט קאָנען אַרויסגנבע־נען זיך, און מאָרגן צו מיטאָג פאַרזאַמל אַלע זשידקעס אויפן מאַרק, און מען זאָל אויף זיי שיסן מיט אַלע האַרמאַטן פאַר אַמאָל קיינער זאָל נישט לעבן בלייבן. דו פאַרשטייסט, וואָס איך רייד, פּאַניע קאָכאַנקו?

—נ־ ־ניין,—האָט רייטאַן געשטאַמלט און האָט אויסגעשטעלט די אויגן אויפן דוכּס, וועלכער, האָט זיך אים געדאַכט, איז גאָר משוגע געוואָרן.—אָבער... נאָר... איך פאַרשטיי, מעכּטיקער הער, דו לאַכסט.

—איך לאַך?—האָט דער דוכּס אויסגעשריען.—מיר ווילט זיך שוין איצט גאָרנישט לאַכן, פּאַניע קאָכאַנקו. און איך שווער דיר, פּאַניע קאָכאַנקו, אַז ווען איך וואָלט געקענט צוגעבן צו די יידן אויך די פּריצים מיט זייער קעניג בראש, וואָלט איך קיין רגע נישט געטראַכט און וואָלט זיי אַלעמען אויסגעראָטן צוזאַ־

מען מיט די זשידקעס.

—אָבער, מיין הער! דרייהונדערט מיט זיבנאונאַכציק נפשות!

—וואָסערע נפשות?—זשידקעס מיאוסע. צו וואָס דאַרף מען, זיי זאָלן לעבן. זיי מאַכן מיר נאָר אומזיסט אומריין די ערד.

—אָבער מעכטיקער הער, ביז היינט האָסטו דאָך זיי באַוויזן דיין גענאָד און ביזט געווען גוט צו זיי.

—אַזוי האָב איך געוואָלט. און איצט וויל איך מער נישט. ווער קאָן מיר איינזאָגן, וואָס איך זאָל טאָן? איצט האָב איך זיי פיינט געקראָגן, און כדי זיי זאָלן מער נישט שטעכן אין די אויגן מיר און אַלע גוטע קריסטן, וויל איך זיי אַוועקשיקן אויף יענער וועלט.

—פונדעסטוועגן...

—גענוג, פּאַניע קאָכאַנקו!—האָט ראַדזיווויל אויסגעשריען מיט צאָרן און אַ טופּע געטאָן מיטן פוס.—גיי טו, וואָס מען הייסט דיר, און מאָרגן אויף דער צייט זאָל אין גאַנץ נישוויז קיין איינציקע יידישע נשמה נישט בלייבן. גיי שנעל.

„נאָך דאָס האָט מיר געפעלט פאַר מיין אַוועק פון דאַנען—איך זאָל פאַרשמירן מיינע הענט אין אומשולדיק בלוט—פאַרוואָס?—ווייל אַזוי ווילט זיך דעם מטורף.״—האָט רייטאַן געטראַכט, אַרויסגייענדיק פון דוכס. און דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים געטראָגן, ווי אַ רוח אין דער הייסער נאַכט. אַ דיקער און אַ געזונטער, איז פון אים דער שווייס גערונען טייכנווייז, נאָר ער איז אַלץ געלאָפן צו זיין גוטן פריינט שכנאן, אָנזאָגן אים וועגן דעם אומגליק. אגב האָט ער זיך געפילט שולדיק אין דער גאַנצער זאַך: ער איז געווען צוטראָגן און האָט פאַרגעסן אָנזאָגן די יידן וועגן דעם דוכס אָנקומען. איצט מוזן זיי אַלע דערפאַר צאָלן מיטן לעבן.

רייטאַנען איז אַזוי שווער געוואָרן אויפן האַרצן, אַז ער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט. ער איז ווי אַ מעטעאָר אַריינגעפאַלן אין שטוב צו רב שכנאן, וועלכער האָט אויף אים געוואַרט.

ט.

אין דערזעלביקער צייט איז דער צוקונפטיקער נישוויזער גביר, ר׳ צדוק דער שמש, ברייטלעך געלעגן אויף דעם געלעגער, וואָס זיין ווייב יאַכנע באַשע האָט אים אויסגעבעט אין הויף אויפן מיסט. מיטן האַנט האָט ער צוגעהאַלטן די פעטע יאַרמלקע און מיט די אויגן געקוקט אין הימל אַריין, כּדי צו דערהיטן די רגע, ווען ער וועט זיך עפענען און וועט אים אָנשיטן די יאַרמלקע פול מיט דוקאַטן. ער איז זיך פאַרן טאָג גענוג אָנגעלאָפן, איז געווען גריילעך מיד, און אים האָט זיך געוואָלט שלאָפן. פונדעסטוועגן האָט ער דעם שלאָף גובר געווען, און כּדי אים זאָל לייכטער זיין צו פאַרטרייבן דעם שלאָף, האָט ער זיך גענומען ציילן די שטערן.

—הלואי וואָלט איך געהאַט אַזויפיל רענדלעך, אָדער האָטש פוילישע גילדן,—האָט ער געטראַכט, ווען ער האָט אָנגעציילט ביז פיר טויזנט, און שטערן זיינען נאָך געבליבן אָן אַ שיעור צעזייט איבערן הימל. ער האָט זיך אָבער געטרייסט, אַז באַלד

וועט ער האָבן אַ פּולע יאַרמלקע מיט גאָלדענע רענדלעך און דאָס וועט אים אויך קלעקן. אויפֿן הימל גייט דאָך קיין פֿאַלשקייט נישט אָן — מסתּמא וועט די יאַרמלקע זיין אַ פּולע. וואָרום, אין דער אמתן, וואָס וועלן זיי דאָרט אויבן זשאַלעווען — קנאַפּ גאָלד און זילבער איז פֿאַראַן אין גאָטס אוצרות?

אָבער נישט לאַנג האָט זיך רבֿ צדוק פֿאַרנומען מיט דעם חשבון פֿון די שטערן, וואָרום זיינע מידע אויגן האָבן פּלוצלונג דערזען אויפֿן ברעג הימל: עפּיס אַ קליין וואָלקנדל איז אויפֿגעגאַנגען, און אַז ס׳איז אַרויף העכער אַ ביסל, האָט עס באַקומען אַן אויסזען, ווי די פֿעריגע, אויף וועלכער ער איז געשלאָפֿן. באַלד האָט זיך דערדאָזיקער וואָלקן אַ קער געטאָן אָן אַ זייט און אַנטקעגן אים איז אַרויס אַן אַנדער וואָלקן, וואָס האָט אויסגעזען, ווי זיין יאַכנע באַשעס פֿאַרטוך. גלייך האָבן זיך ביידע וואָלקנס באַהאַפֿטן, זיינען געוואָרן שוואַרץ, ווי דער תּשעה־באָבֿדיקער פּרוכת אין שול. און ביידע וואָלקנס האָבן גענומען ווערן גרעסער און גרעסער, און אין אַ רגע אַרום האָבן זיי שוין פֿאַרדעקט דעם גאַנצן הימל. די שטערן זיינען נישט געוואָרן. פֿון דערווייטן האָט זיך דערהערט אַ דונער, און בליצן האָבן אָנגעהויבן צו שניידן די פֿינסטערניש. רבֿ צדוק האָט מורא געהאַט, אַז דער געוויטער וועט נישט לאָזן, דער הימל זאָל זיך עפֿענען. פּלוצלונג האָט אַ שטאַרקער דונער אַ שאַל געטאָן. רבֿ צדוק האָט פֿאַר שרעק פֿאַרמאַכט די אויגן. אַז ער האָט זיי צוריק געעפֿנט, האָט ער דערזען ווי פֿון מזרח־זייט אויפֿן הימל באַווייזט זיך אַ גרויסער גרויער קאָפּ מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, מיט לאַנגע געקרייזלטע האָר. רבֿ צדוק האָט גלייך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער מלאך מיכאל. דער מלאך האָט זיך אַלץ אַרויפֿגעהויבן העכער און העכער, ביז ער איז געבליבן אין רעכטן מיטן הימל. דעמאָלט איז פֿון דער אַנדער זייט הימל אַרויס נאָך איינער אַזאַ ווי מיכאל. ר׳ צדוק האָט דעם אויך דערקענט — דאָס איז געווען דער מלאך גבֿריאל. ביידע מלאכים זיינען געווען אָנגעטאָן אין לאַנגע שוואַרצע קליידער מיט גאַרטלען פֿון רעגנבויגן. אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן גרויסע

פייערדיקע בעזימער. ביידע מלאכים זיינען צוגעגאַנגען איינער צו דעם אַנדערן און האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרטראַכטערהייט. יעדער פון זיי האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ האָרן—ר׳ צדוק האָט גלייך דערקענט, אַז דאָס זיינען די הערנער פון שור הבר. די מלאכים האָבן אַראָפּגענומען פון זייערע הערנער די דעקלעך און איינע די אַנדערע מכבד געווען מיט אַ שמעק טאַבאַק, וואָס האָט פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט אַ ריח פון גן־עדן.

דעמאָלט האָט זיך דערהערט אַ הויכער קול: „טרעט אויס, טרעט אויס, רוימט אָפּ דעם וועג.” האָבן זיך מיכאל און גבריאל גע־נומען פאַר די בעזימער. אין איין רגע האָבן זיי אָפּגעקערט אַלע וואָלקנס פון הימל. עס האָבן זיך ווידער באַוויזן די שטערן. און דעמאָלט האָט זיך ווידער אַ שטים געלאָזט הערן: „עפנט אָפּ די טויערן, און זאָל קומען דאָס רעכטפאַרטיקע פאָלק, דאָס גלויביקע פאָלק”.

אַ גרויסע שרעק איז געפאַלן אויף רב צדוקן. די ציינער האָבן ביי אים אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין מויל.

„אָט איז זי, די רגע, אָט באַלד... רבונו של עולם, גיב מיר כוח און מוט”—האָט ער פאַר זיך געטראַכט.

און די שטים האָט זיך ווידער געלאָזט הערן: „עפנט אָפּ די טויערן...”

און מיכאל און גבריאל האָבן אַוועקגעוואָרפן די בעזימער. יע־דער האָט אַרויסגענומען אַ גרויסן פייערדיקן שליסל פון קעשענע.

רב צדוק האָט פאַר שרעק געגומען זאָגן ווידוי... אשמנו, בגדנו... אים האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד איז אַ סוף פון זיין לעבן.

און אַ דריטן מאָל האָט זיך די שטים געלאָזט הערן. און מיכאל און גבריאל האָבן אַריינגעשטעלט די שליסלען אין הימל, האָבן זיי אַ קער געטאָן—און די טויערן פון הימל האָבן זיך אָפּגע־עפנט. ביי ר׳ צדוקן זיינען די אויגן שיר נישט בלינד געוואָרן פון דער ליכטיקייט.

—אָ יאָ — יאָ — יאַרמלקע !—האָט ער באַווינזן אויסצורײדן—און ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און גלייך זיי צוריק פאַרמאַכט—ווייל ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די ליכט פון דער לאָמטערן וואָס איז געהאַנגען איבער אים, סאַמע ביי דער נאָז.

—ס'אַראַ פעפער איר זייט, ר' צדוק,—האָט ער דערהערט איבער זיך אַ שטים.—שוין אַ שעה, אַז איך וועק אייך און קאָן אייך נישט דערוועקן.

—אַ? וואָס?—איז ר' צדוק אויפגעשפרונגען—וואו בין איך? וואָס איז? ווער איז דאָס? וואו איז מיין יאַרמלקע?

—זע, ווי ער האָט זיך דערשראָקן, איך בין יעקב, ר' שכנאס משרת, און אייער יאַרמלקע איז ביי אייך אויפן קאָפ. אַ מציאה—קיינער וועט זי ביי אייך נישט צונעמען.

—יעקב?—האָט ר' צדוק איבערגעפרעגט אַן אַנטוישטער.—גאָר יעקב, וואָס זשע דאַרפסטו דאָ? גאָר דו? האָסט מיך אויפגעוועקט? איך בין גאָר געשלאָפן? אוי וויי צו מיר, פאַרשלאָפן, פאַרשלאָפן. אַן אומגליק איז געשען!

—וואָס קלאָגט איר אַזוי?—איר האָט גאָרנישט פאַרשלאָפן,—האָט אים דער משרת געטרייסט. עס איז נאָך נישטאָ קיין האַלבע נאַכט—נאָך ווייט צו חצות. נאָר מ'דאַרף שוין גיין אויפוועקן די באַלעבאַטים. דאָס האָט מען מיך געשיקט זאָגן אייך, איר זאָלט זיי תכף גיין אויפוועקן. מיין באַלעבאָס שלאָפט היינט אויך נישט, ער האָט זיך אַפילו נישט צוגעלייגט.

—ר' שכנא? פאַרוואָס עפּיס? וואָס איז געשען?

—ער איז אַוועק צום רב. דער רב שלאָפט אויך נישט.

—וואָס זשע איז אַזוינס געשען? וואָס פאַר אַן אומגליק?

—דאָס ווייס איך נישט. איך האָב נאָר געזען, אַז ר' שכנא האָט זיך צוויי מאָל פאַנאַנדערגעוויינט. און דאָס איז נישט קיין גוטער סימן. גייט זשע, ר' צדוק, גיכער, וועקט אויף די באַלעבאַטים. איך פאַל פון די פיס, איך חלש שלאָפן.

י.

ס׳איז געווען האַלבע נאַכט. אין נישוויזער שול האָט מען אָפּגעריכט תּיקון חצות פאַר דער טונקעלער שיין פון שטיקלעך ליכט. דער עולם איז געזעסן באָרוועסערהייט אויף דער ערד און מען האָט געזאָגט פאַר דער שיין פון דינע וועקסענע ליכטלעך. לכתּחילה האָט מען געזאָגט פאַרשלאָפענערהייט און געגעצנדיק. נאָר ביסלעכווייז האָט מען זיך פון די אייגענע קולות פאַנאַנדערגעשאָקלט און מיט טרערן אין די אויגן און מיט אָכצן און מיט קרעכצן האָט מען געוויינט:

„דערמאָן זיך, האַר, וואָס פון אונז איז געוואָרן, קוק און
זע אונזער שאַנד,
אונזער אַרב איז אַוועק צו פרעמדע, אונזערע הייזער צו
אַ פרעמדן פאָלק.
יתומים זיינען מיר געבליבן אָן אַ פאָטער, אונזערע מו-
טערס—ווי די אלמנות.
קנעכט געוועלטיקן איבער אונז, אויסלייזן פון זייער האַנט
איז נישטאָ ווער.

אונזער הויט איז ווי אַן אויוון פאַרברענט, פון חלשות און פון הונגער.
פאַרשטערט איז די פרייד פון אונזער האַרצן, פאַר־וואַנדלט אין טרויער אונזער טאַנץ.
געפאַלן די קרוין פון אונזער קאָפּ, ווי צו אונז, מיר האָבן פאַרזינדיקט”.

—אוי, וויי, אָך־אָך־אָך,—האָבן די מתפללים געוויינט און געקרעכצט און זיי האָבן ווייטער געזאָגט:

אַ שטים הערט זיך הויך פון שיינעם ציון,
אַ קלאָג און אַ געוויין.
איך דערמאָן מיך די צייט, ווען איך בין געווען אַ הער־שערין,
אין גאָטס האַנט אַ פּרעכטיקע קרוין.
און איצט בין איך אַ פאַרשוואַרצט געוואָרענע,
אין אַ גרוב פון זומפּ אַ פאַרזונקענער שטיין.
אין הייסן טאָג אַ וואָלקן איבער ציון בין איך געווען אַמאָל,
ווי אַ כּלה אונטער חופּה אין איר חן.
בין איך אין דרויסן אַן אביונטע אַרויסגעשליידערט,
מיינע בגדים ביים שונא, און איך אַן עלנטער שטיין.
ביז וואַנען, גאָט, אין דעם טאָג פאַר דיר
ביטער קלאָגן וועט דיין פאָלק.
ביז וואַנען, גאָט, ס׳נישט זען דעם פיינטס פרייד
דיין היכל פאַרוויסט, דיין פאָלק צעזייט און צעשפּרייט.

חצות האָט מען געענדיקט. פרימאָרגן איז געוואָרן. מען האָט זיך געדאַרפט שטעלן דאַווענען שחרות. אָבער מען האָט נישט געקאָנט, ווייל נישט דער רב, נישט ר׳ שכנא זיינען נישט געקומען, נישט קיינער פון די באַלעבאַטים. דאָס מאָל איז קיינער פון זיי נישט געווען. דער עולם האָט זיך שטאַרק געוואונדערט.

—ר׳ צדוק, ר׳ צדוק!—האָט מען געשריען. מען האָט אים געוואָלט שיקן צום רב זען, וואָס איז די סיבה, וואָס ער קומט

נישט. נאָר ר׳ צדוק איז אויך נישט געווען. און דאָס האָט נאָכמער פאַרוואונדערט דעם עולם. אייניקע האָבן אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג, אַז עפּיס איז נישט גלאַט... פּלוצלונג איז אַריינ־געלאָפן ר׳ צדוק אַ בלאַסער, ווי קאַלך, און מיט אַ פאַרשטיקט קול האָט ער קוים אַרויסגערעדט:

—ווײ צו אונז, ברידער, אַנטלויפט, ראַטעוועט אייך!

און בײַ די ווערטער איז ער געפאַלן אויף די טרעפּלעך נעבן ארון קודש און האָט זיך אָנגעהויבן רייסן די האָר און וויינען, ווי אַ קליין קינד.

—וואָס איז דאָס? וואָס איז געשען?—האָבן געפרעגט אַלע, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום ר׳ צדוקן.

—אוי, ברידער, ברידער, אַ סוף איז געקומען. גאָט זאָל זיך דער־באַרימען...

—וואָס פאַר אַ סוף, רייד, צי נישט די עצמות.

נאָר ר׳ צדוק האָט נאָך לאַנג געצויגן די עצמות, ביז מען האָט בײַ אים אַרויסגעקריגן די שרעקלעכע ידיעה, אַז דער דוכּס האָט געהייסן אויסהרגענען אַלע יידן פון שטאָט.

דער עולם איז ווי אַ טויטע שטילקייט איז געוואָרן אין שול. אַלע זיינען געווען בלאַס, ווי פאַרשטיינערט געבליבן שטיין. דידאָזיקע שטילקייט איז אָבער פּלוצלונג איבערגע־ריסן געוואָרן דורך אַ מחנה ווייבער, וואָס זיינען געקומען צו־לויפן צו די מאַנען מיט אַ געשריי און מיט אַ גוואַלד. צוזאַמען מיט זיי האָבן די מאַנסביל אויך אָנגעהויבן קלאָגן, און אין שול איז געוואָרן אַ שרעקלעכע יללה.

—צום רב, צו ר׳ שכנאן!—האָבן זיך דערהערט שטימען, און אַלע, ווער ס׳איז געווען אין שול, האָבן, ווי אַ טשערעדע שאָף, אַ לאָז געטאָן זיך צו דער טיר, שטופּנדיק זיך, גלייך ווי דער טויט און דאָס לעבן איז געווען אָפּהייניגיק דערפון, וואָס מ׳וועט קומען צום רב און צו רב שכנאן מיט אַ רגע פריער, אָדער שפּעטער. אין צוויי מינוט איז די שול געוואָרן ליידיק.

די טונקעלע נאַכטשאָטנס האָבן נאָר וואָס אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן פאַר די ערשטע זונענשטראַלן. נאָר גאַנץ בישוויז איז שוין גע־

ווען אויף די פיס. די שרעקלעכע ידיעה וועגן דעם באַשלוס פון דוכס האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער שטאָט, און אַלע האָבן געאיילט צום רב, וואָס האָט געוואוינט אויפן שולהויף. דאָרט האָבן זיי מיט אומגעדולט געוואַרט, אַז דער רב זאָל צו זיי אַרויס. לסוף האָט ער זיך באַוויזן. צוויי באַלעבאַטים האָבן אים געפירט אונטער די הענט. ער איז געווען אַן אַלטער, אַ שוואַכער, און דאָ האָט ער די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, האַלטנדיק זיך עצות מיט ר׳ שכנאן און מיט די חשובע באַלע־באַטים. דער קאָפּ און די הענט האָבן זיך ביי אים געטרייסלט, און טרערן זיינען ביי אים גערונען פון די אויגן איבער דער גראָער באָרד.

—אין שול גייט, קינדער,—האָט ער געזאָגט מיט אַ שוואַך קול,— דאָרט וועלן מיר ריידן.

מ׳איז צוריק אַוועק אין שול. דער רב מיט ר׳ שכנאן מיט די איבעריקע זקנים זיינען אויך אַוועק אין שול אַריין. לאַנגזאַם, אונטערגעהאַלטן פון ר׳ צדוקן, איז דער אַלטער רב אַרויף אויף די טרעפּ נעבן ארון קודש און האָט זיך מיט אַ שטים, וואָס האָט זיך יעדע רגע איבערגעריסן פון געוויין, געווענדט צו דעם עולם:

—רבותי, בעוונותינו הרבים זיינען מיר איצט אין אַ גרויסער צרה. נאָר מסתמא איז גאָט גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט. דאָס שטראָפט ער אונז דערפאַר, וואָס מיר האָבן נישט אויף אים געהאָפט, נאָר אויפן דוכס, ער זאָל קומען און געבן אונז פּרנסה. אָט איז איצט דער דוכס געקומען. רבותי, אַזאַ סוף זיינען ווערט די מענטשן, וועלכע פאַרלאָזן זיך אויף אַ בשר ודם.

דער עולם האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט. דער רב האָט אָפּגע־צויגן דעם אָטעם און ווייטער גערעדט:

—רבותי! עס קאָן זיין, אַז אונזער סוף איז נאָענט. אפשר וועלן מיר שוין מאָרגן אויף דער צייט דאַרפן זיך שטעלן פאַרן בית־דין של מעלה. נאָר די גמרא זאָגט: אַפילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם, אל ימנע עצמו מן הרחמים, ד. ה. אַפילו

ווען דער שווערד ליגט ביים מענטשן אויפן האַלז, זאָל ער נישט אויפהערן צו האָפן, אַז דער אויבערשטער וועט אויף אים נאָך רחמנות האָבן. מיר טאָרן אויך די האָפענונג נישט פאַרלאָזן. אונזער גביר און אייניקע זקנים אונזערע האָבן אויף זיך גענומען צו גיין אויף מסירות נפש: זיי וועלן אַוועק צו דעם דוכּס און פאַלן אים צו די פיס, אפשר וועט ער רחמנות האָבן. עס שטייט דאָך, „לב מלכים ושרים ביד ה׳,״ ס׳הייסט דאָס האַרץ פון קעניגן און פון גרויסע לייט איז אין גאָטס האַנט, און אַז דער אויבערשטער וועט ווען, קאָן ער דעם דוכּס צאָרן פאַרוואַנדלען אין רחמנות

—הלואי! הלואי!—האָט דער עולם זיך אָפּגערופן.

—יאָ, רבותי,—האָט דער רב ווייטער גערעדט,—אָבער די חכמים זאָגן: „לאו בכל יומא אתרחיש ניסא״. נישט אַלע טאָג טרעפן זיך ניסים, און אויב, חס ושלום, זאָל נישט זיין אויסגערעדט... איר פאַרשטייט דאָך, וואָס איך מיין. טאָ לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל די עשרה הרוגי מלכות, וועגן וועלכע אין די קינות ווערט דערציילט. אויב דער גזר דין קאָן נישט צעריסן ווערן, לאָמיר אויך אָננעמען פאַר גוט, ווי דידאָזיקע צעדערן פון לבנון, און לאָמיר אויף אַ רגע נישט פאַרגעסן, אַז מיר זיינען יידן, און אונזערע חובות צו גאָט. דעריבער, רבותי, לאָמיר נישט דורכלאָזן די צייט און שטעלן זיך דאַווענען, און זאָל געשען גאָטס ווילן.

דער רב איז אַראָפּ פון בימה. זיינע רייד האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. דער יאוש איז אין די הערצער שוואַכער געוואָרן, און דער עולם האָט דערפילט דעם מין באַרואיקונג, וואָס קומט, בשעת מען איז גרייט אָנצונעמען אַלץ פאַר גוט.

מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען מיט גרויס געפיל, און נאָכן דאַווענען, אַ זייגער צען, זיינען אַלע אַוועק, ווי דער מנהג איז, אויפן בית עלמין, און רב שכנא מיט עטלעכע פון די חשובסטע באַלעבאַטים זיינען אַוועק צום שלאָס.

דער דוכּס איז געזעסן אויפן באַלקאָן און האָט פויל געזופּט זיין קאַווע, רויכערנדיק פון זיין לאַנגן ציבוק, וואָס איז געווען באַ־

זעצט מיט פערל און בריליאַנטן. אַנטקעגן אים איז געזעסן זיין
פלימעניק מאָראַווסקי, דער פּולקאָווניק, וועלכער האָט פאַרן פּע־
טער פאָרגעלייענט עפּיס וויצן פון אַ ציימונג. דער דוכס האָט
געלאַכט.
ביים אַריינגאַנג אַנטקעגן באַלקאָן איז געשטאַנען רייטאַן און
האָט געוואַרט אויף דעם פירשטס באַפעלן. דעם מאַגנאַטס נעכ־
טיקער כעס איז שוין אַריבער. ער איז געווען רואיק, אַ סימן,—
ער האָט געגלעט די קאַץ, וואָס איז געלעגן נעבן אים. רייטאַן
האָט געהאַלטן דעם איצטיקן מאָמענט פאַר אַ גינציקן צו ריידן
וועגן די יידן, און ער איז אַוועק אָנזאָגן, אַז קהל וויל זיך
זען מיטן דוכס.
—קהל?—האָט דער מאַגנאַט געפרעגט און ער איז תיכף ביין
געוואָרן.—און וואו איז קהל געווען, בשעת זייער דוכס איז נאָך
צוויי יאָר גע ונד זיין איבער דער וועלט צוריקגעקומען אַהיים?
—נעכטן איז ביי יידן געווען אַ גרויסער טרויערטאָג צום אָנ־
דיינקען פון דעם חורבן פון זייער שטאָט ירושלים, זיינען זיי
אַלע געווען אין שול.
—זייער גוט,—האָט ראַדזיוויל געענטפערט.—זאָלסטו היינט צו מי־
טאָג צונויפקלייבן אַלע זשידקעס אויפן מאַרק אינמיטן שטאָט
און זאָלסט זיי באַגעגענען מיט די בעסטע האַרמאַטן. אַ דריי,
פיר שאָסן וועט דאָך קלעקן פאַר זיי?—ווי מיינסטו, פאַן פול־
קאָווניק?—האָט ראַדזיוויל געפרעגט ביי זיין פלימעניק.
—ס'ווענדט זיך, ווי ווער עס קען שיסן,—האָט יענער געענטפערט,
ווי אַ קענער אין דעם פאַך.
—וואָס זשע זאָל איך ענטפערן קהל, וואָס וואַרט דאָרט?—האָט
רייטאַן אַ דערשראָקענער געפרעגט.
—קהל גיב אָפּ אַ גערוס פון מיר. זאָג זיי, אַז פאַר די פאָר
שעה, וואָס זיי איז געבליבן, זאָלן זיי זיך אָנעסן מיט קוגל
און מיט צימעס, וועט זיי לייכטער זיין צו שטאַרבן. נאָר צו־
ליב קוגל און צימעס לעבן זיי דאָך אויף דער וועלט.
—היינט איז ביי זיי אַ גרויסער תענית. פון נעכטן אָוונט אָן

ביז היינט אין אָוונט טאָרן זיי גאָרנישט עסן און טרינקען.

—אַ גרויסער תענית?—האָט דער דוכס אויסגעשריען און איז אויפגעשפּרונגען אַ דערשראָקענער.—פאַר וואָס זשע האָסטו מיר פריער נישט געזאָגט? ניין, דאָס טויג מיר נישט. איך קאָן זיי נישט אַוועקשיקן אויף יענער וועלט הונגעריקע. מען וועט נאָך דאָרטן זאָגן, אַז ביי ראַדזיווילן הונגערן מענטשן. דאָס פּאַסט פאַר מיר נישט. מ'דאַרף אָפּלייגן אויף מאָרגן. און נאָך בעסער אויף איבערמאָרגן—זאָלן זיי האָבן צייט אָנצועסן זיך צו זאַט און זאָלן זיי אָנקומען אַהין אָפּגעפּיטערטע ווי די בערנאַדינער מאָנאַכן. דו פאַרשטייסט?

אַ פונק פון האָפענונג האָט אַ בלאַנק געטאָן אין רייטאַנס אויגן, וועלכער האָט אויסגערעכנט, אַז וויבאַלד עס לייגט זיך אָפּ, וועט אפשר די גזרה גאָר בטל ווערן.

—אפשר וועסטו, געהויבענער האַר, אַליין איבערגעבן קהל וועגן חסד, וואָס דו טוסט מיט זיי?

—צו וואָס?—האָט דער דוכס געזאָגט אומצופרידן.—זיי וועלן נאָך אָנהויבן בעטן, פאַלן צו די פיס, און ביי מיר איז אַ ווייך האַרץ.

—איז וואָס זשע אַרט עס דעם מעכטיקן הער. אויב דיר וועט זיך פאַרוועלן לאָזן זיי לעבן—וועסטו לאָזן, ווער קאָן דיר איינ־זאָגן?

—דאָס איז אמת,—האָט דער דוכס געענטפערט.—נאָר דו פאַר־שטייסט דעם גאַנצן ענין נישט. די יידן זיינען דאָך אייגנטלעך אין גאָרנישט נישט שולדיק. עס איז אַפילו אויף זיי כמעט אַ רחמנות. אָבער איך מוז זיי דאָך אויסשיסן, כדי די וואַרשע־ווער געזעצגעבער זאָלן וויסן, אַז זייערע נאַרישע רעפאָרמעס זיינען אונז שוין מיאוס געוואָרן, אַז איבער מיינע יידן בין איך דער באַלעבאָס, נישט זיי, פאַרשטייסט?

—איך פאַרשטיי, מיין האַר, אָבער וואָס זיינען די יידן נעבאַך שולדיק אין דעם, וואָס ערגעץ געפינען זיך אַזעלכע נאַראים, וועל־כע טראַכטן וועגן זיי?

—דאָס גייט מיר נישט אָן, צי זיינען זיי שולדיק, צי ניין. איך דאַרף טאָן, ווי עס פאָדערט מיין האָנאָר, דער האָנאָר פון דוכּס ראַדזיוויל.

רייטאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

—און וואָס וועט זיין מיט אונזער סוחר שכנא?—האָט ער געפרעגט.

—מיט וואָס איז ער בעסער פאַר אַנדערע זשידקעס?

—מיט וועמען זשע וועט דער האַר שפּילן אין שאָך?

—אין שאָך?—האָט זיך דער דוכּס פאַרטראַכט.—דאָס איז טאַקע אַ פראַגע. מיט וועמען וועל איך שפּילן אין שאָך? נאָך אַזאַ שפּילער איז שווער צו קריגן.

—פונדעסטוועגן האָסטו ביי אים אָפּגעוואונען די שבתדיקע שטריימל,—האָט דער פּולקאָווניק געוואָלט אונטערחנפען דעם פעטער זיינעם.

—אַ, וואָס איז דער געווינס. דאָס איז איינמאָל אַנטקעגן טויזנטער מאָל, וואָס ער האָט געוואונען. דו, רייטאַן, אָט וואָס טו. שכנא מיט שכנאָוועס מיט אַלע קליינע שכנאָוועלעך זאָלן בלייבן לעבן. און כּדי עס זאָל נישט פעלן צו דעם סכום, כאַפּ אַזוי פיל אַנדערע יידן אין דער געגנט און ברענג זיי אויף דעם אָרט פון די שכנאס.

—און טאָמער וועלן יענע יידן זיין פון אַ פרעמדן אָרט און געהערן צו אַן אַנדער פּריץ?

—דאָס איז גאָרנישט. איך וועל יענעם אָפּגעבן אַ צען גאַליבאַקער יידן. און, בכלל, ווער רעכנט זיך דאָס מיט אַזאַ שכן, ווי איך. איך קען אַלע מאָל באַפרידיקן.

רייטאַן איז אַרויס פון דוכּס אַן אויפגעקאָכטער פון די שרעקלעכע דבורים. „אַז ער זאָל מיר אַפילו אָנשיטן אַ פולע שטוב מיט גאָלד, וועל איך ביי אים מער נישט דינען, ביי אַזאַ רוצח. און זאָל ער מיך נישט וועלן באַפרייען—איך וועל מיך מיט אים אָפּרעכענען פאַר די אַלע אומשולדיקע נפשות, וואָס ער וויל פאַרדאַרבן. איך וועל אים מיט די אייגענע הענט דערשטיקן, איך וועל אים סמען. זאָל די וועלט פריי ווערן פון אַזאַ ווילדן מטורף".

יא.

דערדאָזיקער חסד, וואָס ראַדזיוויל האָט געטאָן מיט די נישוויזער, וואָס ער האָט זיי די שחיטה אָפּגעלעגט אויף אַ פּאָר טעג, האָט קיינעם נישט געקאָנט באַרואיקן. איבערהויפּט זיינען אויפגעבראַכט געווען די אָרימע שליאַכטיטשעס, וואָס האָבן זיך צענויפגעקליבן אַרום שלאָס צום קומען פון דוכס. זיי זיינען שטאַרק צעטראָגן געווען פון דעם דוכס גזר.

—וואָס איז דאָס פאַר אַ נייס,—האָבן זיי זיך געצופּט ביי די לאַנגע וואָנסן,—וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, מען זאָל אויסשניידן אַ גאַנצע שטאָט מיט מענטשן? וואָס האָט ער צו יידן? און אויב ער איז אויף זיי ברוגז, זאָל ער אויף זיי אַרויפלייגן אַ געלטשטראָף, אָדער זאָל ער אויפקלייבן די פאָרשטייער זייערע און אַריינשיטן אין זיי שמיץ, ווי עס געהער צו זיין. אָבער גאָר שטראָפן מיט האַרמאַטן! ניין, פריצל, דאָס וועט נישט גיין. דו ביזט טאַקע ביי אונז אַ גרויסער מאַגנאַט, אָבער מיר, ליבער האַר, זיינען אויך נישט קיין שטומע ליאַליעס,

וואָס מירן שטיין פון ווייטן און קוקן און שווייגן. אמת, יענע זיינען זשידקעס, קנאַפּגלויביקע, אָבער מענטשן זיינען זיי דאָך, נישט קיין שאָף. דאָס וועלן מיר נישט דערלאָזן.

—וואָס זשע טוט מען, כּדי נישט צו דערלאָזן דאָס?

—אָט וואָס מיר וועלן טאָן,—האָט געזאָגט דער כאָרונזשי, וואָס האָט זיך באַזעצט ביי הירשקע דעם שיינקער,—אויב איר וועט מיך אויסהערן, וועל איך אייך דערציילן מיין פּלאַן.

—זאָל דער פּאַן כאָרונזשי ריידן, מירן הערן!—האָט מען אים געבעטן פון אַלע זייטן.

—מירן אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט שטילינקערהייט אונטערגנבען זיך צו דער באַטאַרייע, אַוועקנעמען די האַרמאַטן און באַהאַלטן זיי, אַז קיין דוכּס זאָל זיי נישט געפינען.

—און די זעלנער, וואָס אויף דער וואַך?

—וויפיל זיינען זיי—פינף מאַן! וואָס האָט עס פאַר אַ ווערדע. מירן זיי בינדן און פאַרשטאָפּן די מיילער, וועלן זיי שווייגן. געפעלט אייך די עצה, פּאַנאָוויע?

—דאַכט זיך, נשקשה,—האָבן זיך אייניקע נישט זיכער אָפּגערופן.

—ניין,—האָט געזאָגט דער אַלטער פריץ, וואָס האָט גענומען ביים יידן דעם פּאַלאַץ, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען פליגן, וואָס זיינען נאָר אַ ביסל ענלעך אויף וואַנצן.—מיר געפעלט נישט די עצה, וואָרום אַז עס וועלן נישט זיין קיין האַרמאַטן, וועט מען שיסן מיט ביקסן, און אַז עס וועלן נישט זיין קיין ביקסן, וועט מען שניידן מיט שווערדן. פאַר די יידן וועט קיין טובה נישט אַרויסקומען דערפון, און דער דוכּס וועט נאָר אויף אונז ברוגז ווערן.

—פּאַן סטולדזשינסקי איז גערעכט, ווי גאָט איז מיר ליב,—האָבן געזאָגט אַלע, אַפילו די, וואָס האָבן פריער מסכּים געווען אויף דעם כאָרונזשיס עצה.—ווי זשע טוט מען, אַז עס זאָל זיין דער וואָלף זאַט און די ציג גאַנץ?

—אָט וואָס מיר וועלן טאָן,—האָט פּאַן סטולדזשינסקי געענטפערט.—איך האָב אַן אַנדערע עצה. היינט נאַך, נאָר ניין—היינט

איז שוין שפעט, מאָרגן גאַנץ פרי זאָלן מיר גיין צום פּראָבסט און מיר וועלן בעטן, ער זאָל ווירקן אויף דעם דוכּס, אַז ער זאָל צוריקנעמען זיין גזר. דער פּראָבסט איז אַ גוטער מענטש און באַציט זיך גוט צו די יידן, און האָט גריילעך ליב זייער אַלטן רב, מיט וועלכן ער גייט אָפטמאָל אַריין אין ויכּוחים וועגן אמונה־זאַכן. ער פאַרשטייט אַפילו די יידישע ביכער. און ווען ער וואָלט נישט געשטאַמט פון אַן אָרימער משפחה, וואָלט ער שוין לאַנג געווען אַ ביסקופ—אַזאַ געלערנטער איז ער. דער דוכּס האָט פאַר אים דרך ארץ, ווייל פאַר אים איז ער זיך מתודה אויף זיינע זינד. אַז דער פּראָבסט וועט אים הייסן מבטל זיין דעם גזר, וועט דער דוכּס פאָלגן. אַזוי־אַרום וועלן די זשיד־קעס אונזערע ניצול ווערן פון טויט אָן שום טומל.

דידאָזיקע עצה איז אַלעמען געפעלן געוואָרן.

און די פאַרזאַמלטע האָבן טאַקי גלייך אויפן אָרט אויסגעקליבן דעם פריץ סטולדזשינסקי און צו אים נאָך זעקס שליאַכטיטשעס, אַז זיי זאָלן מאָרגן פאַרטאָג גיין ריידן מיטן פּראָבסט.

פאַן סטולדזשינסקי איז זייער צופרידן געווען מיט דעם כּבוד, וואָס די פּריצים האָבן אים אָפּגעגעבן, אויסוויילנדיק אים פאַר זייער שליח. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער צוגעגרייט אַ רעדע, מיט וועלכער ער וועט זיך ווענדן צום פּראָבסט. ער האָט געוואָלט אין דער רעדע אַרויסווייזן זיין למדנות, און האָט זיך געסטאַרעט אַריינפּאַסן אין איר וואָס מער לאַטיינישע ווערטער. נאָר אויף מאָרגן, אַז ער איז געקומען צום פּראָבסט, האָט ער אַלץ פאַרגעסן און געמוזט ריידן פּשוטע דבורים. אָבער דידאָזיקע דבורים האָט ער גערעדט.

דער פּראָבסט האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט. אויף אים האָבן די פּשוטע ווערטער געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. אים האָט זיך גאָרנישט געוואָלט גלויבן, אַז דער דוכּס מיינט עס אויף אַן אמת. און ער האָט צוגעזאָגט תּיכּף גיין אין שלאָס אַריין.

פאַן סטולדזשינסקי האָט אים אַ קוש געטאָן אין האַנט. דער פּראָבסט האָט די גאַנצע דעלעגאַציע געבענטשט און אָפּגעלאָזט.

—נו, וואָס וועט איר איצטער זאָגן?—האָט סטולדזשינסקי זיך באַרימט, אומקערנדיק זיך צו די חברים אַ פרייליכער נאָכדעם, וואָס דער פּראבסט האָט צוגעזאָגט.—אַ גוטע עצה האָב איך גע־געבן?

—הויבט אים!—האָט איינער אַ געשריי געטאָן.

—ריכטיק!—האָבן אַלע אונטערגעהאַלטן, און מען האָט דעם אַלטן פּריץ אונטערגעכאַפּט אויף די הענט און געהויבן מיט אויסגע־שרייען: „וויוואַט!"

—אָ, לאָזט מיך אָפּ,—האָט דער אַלטער זיך געבעטן, מחמת דאָס פליען אַרויף און אַראָפּ איז זיינע אַלטע ביינער נישט זייער אַנגענעם געוועזן.—איך דאַרף אייך נאָך עפּיס דערציילן, לאָזט מיך אָפּ.

די פּריצים האָבן אים אָפּגעלאָזט. ער האָט זיך געשטעלט אויף די פיס און האָט געזאָגט, ווישנדיק זיך דעם שווייס פון געזיכט:

—אָט וואָס איך וויל אייך זאָגן: כּדי די יידן זאָלן זיך נישט פאַרלאָזן אויף אונז, און זאָלן אַליין אויך טאָן, וואָס זיי קע־נען, לאָמיר זיי דערוויל גאָרנישט נישט דערציילן פון דעם, וואָס מיר האָבן געטאָן. טאָמער וועט זיך אונז נישט איינגעבן. איך זאָג ריכטיק, צי ניין?

—זייער ריכטיק!

און די יידן האָבן טאַקי אַליין אויך געטאָן: זיי האָבן געמאַכט אַן אספּה און האָבן באַשלאָסן: 1) פאַסטן די אַלע דריי טעג ביז האַלבן טאָג; 2) זאָגן צום דאַוונען אַלע דריי טאָג איינדער־פרי און פאַרנאַכט „אבינו מלכּנו"; 3) זען, אַז די פרויען, אַפילו כּלות, זאָלן די דריי טעג זיך נישט פּוצן אין קיין שום צירונג...

יב.

דער פּראָבסט האָט תּיכּף, ווי די דעלעגאַציע פון די פּריצים איז אַרויס פון אים, זיך צוגעגרייט און איז אַוועק צום דוכּס. ער האָט מיטן דוכּס גערעדט און געטענהט, און האָט אַפילו גאַנץ שטריינג געפּאָדערט—און פּאָרט גאָרנישט געפּועלט. דער דוכּס האָט געזאָגט, אַז ער מוז די וואַרשעווער פּריצים מיט זייער קעניג דערוויזן, אַז ער איז דער באַלעבאָס אין זיינע מאַיאָנטקעס, און נישט זיי! און וויבאַלד דאָס איז אַ זאַך, וואָס איז נוגע צו זיין האָנאָר, וועט ער זיין באַשלוס נישט ענדערן. אויב דאָס איז אַ זינד, איז ער גרייט איבערבעטן גאָט מיט שיינע נדבות און אַפילו מיט פאַסטן און פּייניקן זיך, אָבער דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן די יידן, מוז ער מקיים זיין.

„אויף דעמדאָזיקן מענטשן קאָן מען מיט ווערטער נישט ווירקן,— האָט דער פּראָבסט פאַר זיך געטראַכט, זיצנדיק שפּעטער ביי זיין טיש, וועלכער איז געווען פאַרלייגט מיט ספרים און מיט

כתבים,—מ׳ט אים דאַרף מען גיין אויף אַ שפּיצל, און זאָל מיר דער הער גאָט מוחל זיין, וואָס איך וועל מיך באַנוצן מיט רמאות, וואָרום דאָ האַנדלט זיך וועגן אומשולדיק בלוט פון אַזויפיל מענטשן.״

ער האָט אַוועקגעשיקט רופן רייטאַנען פון שלאָס. אַז רייטאַן איז געקומען, האָבן זיי זיך צוזאַמען אַ היבשע צייט געסודעט, און נאָכדעם איז רייטאַן אַרויס פון אים אַ פריילעכער.

—לעבן זאָל דער פּאָטער פּראָבסט!—האָט רייטאַן צו זיך גערעדט, אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ.—ער איז אַ חכם און קאָן זיך אַן עצה געבן.

די צייט לויפט געשווינט, און שנעל זיינען אַריבער די דריי טעג, אויף וועלכע ראַדזיוויל האָט אָפּגעלייגט די טויטשטראָף פאַר די נישוויזער יידן. עס איז אָנגעשטאַנען דער שרעקלעכער טאָג. די יידן זיינען אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי און האָבן זיך פאַרקליבן אין שול וואַרטן, וואָס וועט ווייטער זיין. מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, ווי אַ טשערעדע פאַרטריבענע אין שעכטהויז, זיינען זיי געזעסן, און האָבן אַפילו קיין מוט נישט געהאַט צו שטעלן זיך דאַווענען.

פלוצלונג איז אַריינגעפאַלן ר׳ שכנא מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס.

—געראַטעוועט, געראַטעוועט!—האָט ער אויסגעשריען און איז געפאַלן אין חלשות.

אַז מ׳האָט אים דערמינטערט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז דעם גאַנצן וועג פון דער היים ביז דער שול געלאָפן אין איין טלית קטן און אין יאַרמלקע, וואָרום איילנדיק זיך צו ברענגען די בשורה אין שול אַריין, איז ער גלייך פון בעט אַרויסגעשפּרונגען, ווי ער איז געלעגן אַ נאַקעטער.

ר׳ צדוק דער שמש האָט דעם גביר אויף די אַקסלען אַרויפגעוואָרפן זיין אויבערבגד, און רב שכנא האָט זיך געשטעלט אויפן בעל־אמר דערציילן, וואָס ער ווייס, פאַרן עולם, וועלכער האָט מיט גרויס אומגעדולט געגאַרט שוין דערוויסן זיך, וואָס איז פאָרגעקומען.

—נישט אונזער זכות, נאָר זכות אבות האָט אונז געהאָלפן,—האָט ר׳ שכנא אָנגעהויבן.—מיט גאָטס הילף, מיר זיינען ניצול געוואָרן פון טויט. דער דוכס איז אַוועקגעפאָרן און ביז מאָרגן וועט ער זיך נישט אומקערן. פאַרן אַוועקפאָר האָט ער געהייסן, אַז פאַרנאַכט זאָל מען אויספירן דעם באַפעל זיינעם.

דער עולם האָט זיך אַרומגעקוקט צעטראָגן און פאַרוואונדערט—וויבאַלד אַזוי, טאָ וואָס זשע איז די רעטונג? נאָר רב שכנא האָט ווייטער גערעדט:

—זייט נישט אומרואיק, רבותי. דער באַפעל וועט נאָר לפנים־וועגן אויסגעפירט ווערן. אַזוי וועט עס פאָרקומען: בשעת מיר וועלן דערהערן אַ פויקעריי פון שלאָס, וועלן מיר זיך אַלע פאַרזאַמלען אויפן מאַרק. דאָרט וועט מען אויף אונז שיסן מיט האַרמאַטן, אָבער די שאָסן וועלן זיין פוסטע, אָן קוילן. ווי נאָר איר וועט דערהערן דעם שאָס, זאָלט איר אַלע פאַלן צו דער ערד, ווי דערהרגעטע כלומרשט, און נאָכן שיסן וועלן מיר אַלע אויפשטיין און אַוועק אַהיים בשלום. געדיינקט זשע, אַז איר דאַרפט פאַרן שיסן קיין מורא נישט האָבן, ווייל דאָס איז נאָר לפנים. אַזוי וועט עס זיין.

—דער דוכס האָט אַזוי געהייסן?—האָבן פיל נייגעריק געפרעגט.

—נישט דער דוכס,—האָט שכנא געענטפערט,—נאָר... אָבער איר דאַרפט דערווייל נישט וויסן, ווער דאָס האָט אַזוי געהייסן טאָן. דאָס איז דערווייל אַ סוד. געדיינקט זשע, טוט אַלץ ווי איך האָב אייך דאָ געזאָגט.

—וויבאַלד אַזוי,—האָט ר׳ צדוק דער שמש אויסגעשריען,—דאַרף מען זיך טאַקי שטעלן דאַוונען. און ער האָט זיך געשטעלט ביים עמוד:

—„אדון עולם אשר מלך״, און דער גאַנצער עולם האָט אונטערגעכאַפט.

און אַזוי איז געווען, ווי דער פראבסט האָט געהייסן: מען האָט געפויקט און געשאָסן מיט די האַרמאַטן, און געקלונגען אין די גלאָקן. די יידן זיינען געפאַלן אויף דער ערד, אייניקע

האָבן נאָך, כּלומרשט, געשריען, ווי געהרגעטע. נאָכדעם זיינען זיי אויפגעשטאַנען, אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שטויב און אַוועק אַהיים עסן וועטשערע.

אויף מאָרגן, ווען דער דוכּס האָט זיך צוריקגעקערט קיין ניש־וויז, איז ער אויסער זיך געווען, אַז ער האָט דערזען, ווי די נישוויזער יידן גייען אים אַרויס אַנטקעגן מיט געזאַנג און מיט כּלי זמר און מיט אויסגעשרייען: „לעבן זאָל אונזער דוכּס!"

—וואָס איז דאָס?—האָט ער אויסגעשריען אין צאָרן און האָט זיך געווענדט צום פענסטערל פון דער קאַרעטע.—רייטאָן! אַזוי, פּאַניע קאָכאַנקו, האָסטו דאָס מקיים געווען מיין באַפעל?

—מעכטיקער האַר, איך האָב געטאָן, ווי דו האָסט געהייסן. העכער אַ האַלבע שעה האָט מען געשאָסן אויף דידאָזיקע יידן.

—איך גלויב דיר, פּאַניע קאָכאַנקו, איך האָב אַליין אויך גע־הערט פון וויטן. פאַרוואָס זשע אָבער לעבן זיי. קיין האַרמאַטן ווירקן דען אויף זיי נישט?

—ניין, מעכטיקער האַר.—איך האָב אַליין געזען מיט מיינע אויגן, אַז זיי זיינען געפאַלן פון די קוילן, ווי די זאַנגען אונטער מעסער. קיינער איז נישט געבליבן גאַנץ. אָבער בשעת מיר האָבן אַרויס־געשיקט וועגענער אויפצוזאַמלען די הרוגים, איז דער פּלאַץ גע־ווען ליידיק. זיי זיינען אויפגעשטאַנען און אַוועק אַהיים.

דער דוכּס האָט זיך אין שרעק געגומען צלמען. ער האָט אָנ־געהויבן ציטערן, ווי אַ בלאַט. ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון קאַרעטע, האָט אַרויסגעכאַפּט דעם קאַנטשיק ביי איינעם אַ היידוק און האָט פון ווייטן אָנגעהויבן פּאָכן אויף די יידן.

—אַוועק מתים,—האָט ער געשריען מיט ציטערדיקע ליפּן,—אַוועק אומריינע. קוקט נישט אויף מיר מיט אַזעלכע אויגן...

די קני האָבן ביי אים אָנגעהויבן חלשן, און ער וואָלט אודאי געפאַלן, ווען די דערבייאיקע פּריצים וואָלטן אים נישט אונ־טערגעהאַלטן.

—פירט מיך צום פּראָבסט,—האָט ער געבעטן,—זאָל מען קומען

אַהער מיט הייליקן וואַסער באַשפּריצן, וועלן אפשר די רוחות אַוועק.
מען האָט אים אַריינגעזעצט אין קאַרעטע און אָפּגעפירט צום פּראבסט. און דאָרט האָט דער גוטער גלח אויסגעהערט פון אים די גאַנצע געשיכטע. און אַז יענער האָט געענדיקט, האָט דער פּראבסט געזאָגט:
—וואָס זשע וואונדערט זיך דער פּריץ. דאָס איז גאָר קיין נייעס נישט.
—וואָס הייסט?—האָט זיך דער פּירשט פאַרוואונדערט.—מתים זאָלן לעבעדיק ווערן!
—דו האָסט זיך אָבער פאַרגעסן, דוכּס, ווער זיינען זיי, די מתים. דאָס זיינען דאָך יידן, ניין?
—אודאי, מיינע נישוויזער יידן, איז וואָס, אַז יידן?
—וויבאַלד אַז יידן, איז עפּיס אַנדערש,—האָט דער פּראבסט געזאָגט.—יידן זיינען שטענדיקע וואַנדערער אין שטענדיקן גלות. סוף כּל סוף וועלן זיי זיך דאַרפן צוריקקערן אין זייער לאַנד. אין יענער צייט וועלן אַלע זייערע מתים אויפשטיין פון די קברים און געמשפּט ווערן—אַזוי וועט זיין מיט די, וואָס וועלן שטאַרבן מיט זייער אייגענעם נאַטירלעכן טויט. אָבער די, וואָס וועלן אומקומען פון אַ מענטשנס הונט, יענע וועלן נישט אויפשטיין און יענע וועלן נישט געמשפּט ווערן. אַנשטאָט זיי וועט זיך דאַרפן שטעלן צום משפּט דער מענטש, וואָס איז שולדיק געווען אין זייער טויט, און ער וועט אַנשטאָט זיי געשטראָפט ווערן. אויף דיר האָט דער אויבערשטער רחמנות געהאַט, מחמת דו ביסט וואוילגעפעלן אין זיינע אויגן פאַר די פיל גוטס, וואָס דו טוסט, האָט ער נישט געוואָלט, אַז דו זאָלסט זיין געשטראָפט פאַר די זינד פון דיינע יידן, האָט ער זיי דיר צוריק לעבעדיק געמאַכט. אַזוי־אַרום ביזטו ניצול געוואָרן פון אַ גרויסער צרה.
דער דוכּס האָט זיך שטאַרק פאַרוואונדערט.
—אויב אַזוי,—האָט ער אויסגעשריען,—טאָ זאָלן זיך די זשידקעס לעבן, וויפיל זיי ווילן, פּאַניע קאָכאַנקו! אָ, דאַנקען גאָט, וואָס

ער האָט מיך דערלייזט פון אַזאַ צרה. הע׳ רייטאַן!—האָט ער אַ רוף געטאָן.

רייטאַן איז אַריין.

—וואָס, פאַניע קאָכאַנקו, די זשידקעס לעבן נאָך?

—לעבן.

—אַלע, קיינער נישט געמינערט?

—איך מיין, אַז אַלע.

—דו ווייסט דאָך, פאַניע קאָכאַנקו, אַז אַזעלכע ענטפערן האָב איך פיינט, פאַניע קאָכאַנקו. איך פרעג נישט, וואָס דו מיינסט, נאָר ווי איז די זאַך. דו ביזט מיר פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די־דאָזיקע מענטשן. און אויב איינער פון זיי וועט פעלן, וועל איך מיך מיט דיר רעכענען.

—אָבער זיי האָבן זיך דאָך שטאַרק דערשראָקן פאַר די שאָסן. אפשר האָט דאָס זיי פאַרשאַט.

—יאָ, דאָס איז מעגלעך,—האָט דער דוכס געזאָגט.—ס׳איז אפנים אַ קלייניקייט—אַ האַלבע שעה באָכאַנאַנד שיסן! אַזאַ דונער. טו זשע אָט וואָס איך הייס דיר, פאַניע קאָכאַנקו. קייקל אַרויס פאַר די יידן אַ גרויסע פאַס אונגערוויין, אָבער פון דעם גוטן, פון דעם אַלטן, און גיב זיי יעדן צו גילדענע דוקאַטן—און זאָלן זיי, די יידלעך, עסן און טרינקען. און אויב אימיצער איז קראַנק געוואָרן, זאָל מען רופן דאָקטוירים און זאָל מען היילן אויף מיין חשבון. דו הערסט?

—איך הער, פריץ.

—און אָט נאָך וואָס דו זאָלסט טאָן,—האָט דער דוכס געהייסן, נעמענדיק זיין הוט און קלייבנדיק זיך צו גיין.—אין אָוונט זאָל טראַמאַנטאַנאָ זיין גרייט מיט דער גאַנצער חברה זיינער. זאָלן זיי אויפן פלאַץ געבן אַן אומזיסטע פאָרשטעלונג פאַר דער שטאָט, און מיינע יידלעך זאָלן קוקן און הנאה האָבן—דו הערסט?

—איך הער, פריץ.

—און די יידן זאָג, אַז איך בלייב זייער פריץ, ווי געווען, און אַז אַזאַ גוטן פריץ, ווי איך, וועלן זיי אין דער גאַנצער וועלט

נישט קריגן. פון די וואַרשעווער הערן לאַך איך, נאָר מיינע יידן װעל איך מיר נישט טשעפּען, זאָלן זיי זיך לעבן געזונ־טערהייט אין מיינע מאַיאָנטקעס, ביז זיי וועלן שטאַרבן. און זאָל אויף זיי גאָט רחמנות האָבן, בשעת זיי וועלן זיך שטעלן צום לעצטן משפּט—דו הערסט?

—איך הער, פּריץ. אַלץ וועט זיין, ווי דו באַפעלסט.

און אַלץ איז טאַקע אַזוי געווען. נישוויז איז אָפּגעקומען מיט שרעק און האָט זיך געפרייט.

יג.

ס'זיינען אַריבער עטלעכע טעג. ראַדזיוויל האָט זיך באַרו־
איקט. אויף וואַרשע און אויף אירע אינטריגעס האָט ער אַ
מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

—כאַפּט זיי דער טייוול מיט זייערע סיימען,—האָט ער געטראַכט.—
וואָס גייט עס מיך אָן.

און אין שלאָס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געוויינלעכע לעבן—מען
האָט געמאַכט בעלער, געטרונקען און געלעבט אַ גוטן טאָג. געסט
זיינען שטענדיק געווען פול, און נישוויז האָט געהאַט פּרנסה
בשפע. אַלע זיינען געווען צופרידן.

איינער איז נאָר אַרומגעגאַנגען אַן אומרואיקער. דאָס איז גע־
ווען דער גביר ר' שכנא, וועלכער האָט נישט געקאָנט דער
טאָכטער חתונה מאַכן אָן דער שבתדיקער שטריימל זיינער.

ער האָט באַשלאָסן אָננעמען דעם לעצטן מיטל, וואָס איז אים איז
געבליבן. ער האָט די ווייב אַוועקגעשיקט קיין סלוצק נאָך דער

טאָכטער חיה. אַז רייטאַן האָט דערזען דאָס מיידל, האָט ער געטראַכט, גלעטענדיק די וואָנסן:
—כאַפּט מיך דער טייוול, דידאָזיקע מיידל איז דאָך שענער פאַר דער פּאַנאַ וואָיזשבינאָוונאַ.
—העי, שכנא,—האָט ער געזאָגט צו זיין גוטן פריינט,—דו ביזט אַ חכם אַ מענטש!
—וואָס פאַר אַ חכמה האָסטו אין מיר נאָך געפונען?—האָט ר' שכנא געפרעגט.
—וואָס דו האָסט חיהן געהאַלטן נישט ביי זיך, ווייט פון שלאָס און פון משוגענעם דוכּס.
—יאָ,—האָט ר' שכנא טרויעריק געענטפערט,—די סכנה איז נאָך אָבער נישט פאַרביי.
—ניין.—האָט רייטאַן געענטפערט זיכער,—איצט איז שוין קיין סכנה מער נישטאָ. איך האָב דאָך דיר מיט עטלעכע וואָכן צוריק געזאָגט, אַז דער דוכּס איז שוין איצט מער נישט דאָס, וואָס געווען. ווען נישט די חברה ליידיקגייער און טעלערלעקער, וואָס רינגלען אים אַרום און ריידן אים אָן צו אַלערליי מעשים תעתועים, וואָלט ער אפשר גאָר זיך פון אַלץ אָפּגעזאָגט. ער האָט פאַרלאָרן דעם חשק צו אַלץ. בשעת אַלע אַרום אים שיכורן, זיצט ער און גענעצט. ער איז אַלט געוואָרן. אָט וואָס. און איצט קאָן מען חיהלען לאָזן גיין צו אים. ס'וועט איר קיין שלעכטס נישט געשען.
און מען האָט אָנגעהויבן גרייטן דאָס מיידל צום באַזוך אין שלאָס. ריידן פויליש האָט זי גוט געקענט, וויל ביי איר פאָטער אין שטוב זיינען שטענדיק פול געווען פריצים. און איצט האָט איר רייטאַן געלערנט, וואָס זי זאָל ריידן.
אָבער איינמאָל האָט דאָס מיידל דערקלערט, אַז זי וויל נישט ריידן, וואָס מען לערנט זי, וויל זי האָט מורא, טאָמער פאַרגעסט זי אַ וואָרט, וועט זי זיך גאָר פאַרלירן.
—איך וועל אַליין וויסן, וואָס צו ריידן,—האָט זי געזאָגט.

—און טאָמער וועסטו זיך דערשרעקן?

—וואָס איז ער אַ בער, וואָס איך וועל מיך פאַר אים דערשרעקן,—האָט דאָס מיידל מוטיק געזאָגט.—און אויב ער וועט אויף מיר נעמען שרייען, וועל איך אַנטלויפן.

—אָט אַ העלדין!—האָט רייטאַן געלאַכט,—און די שטריימל וועסטו ביי אים לאָזן?

—ניין,—האָט דאָס מיידל נאַאיוו געענטפערט,—איך וועל אַנטלויפן און צוריקקומען.

—און אויב דער דוכס וועט נישט וועלן דערפילן דיין בקשה?

—וועל איך אים זאָגן, אַז כאָטש ער איז אַ דוכס, איז ער אַ נאַר און אַ שלעכטער.

—אָ, איך פאַל!—האָט זיך רייטאַן פאַנאַנדערגעלאַכט, אַז ער האָט זיך קוים אויף די פיס געהאַלטן.

ר׳ שכנא האָט זיך דערשראָקן.

—ניין, טאָכטערקע, אַזוי טאָר מען מיט דעם דוכס נישט ריידן. ס׳איז דיר עפּיס אַ קלייניקייט—אַ דוכס!

—לאָז שכנא,—האָט זיך רייטאַן אַריינגעמישט,—דו פאַרשטייסט גאָרנישט. איך ווייס בעסער אין אַזעלכע ענינים. איך זאָג דיר, אַז זי וועט דעם אַלטן נעמען אין אירע הענט און אויפדרייען פון אים אַ בייגל. דו מעגסט שוין רעכענען, אַז ס׳איז אַזוי גוט, ווי דיין שבתדיקע שטריימל איז ביי דיר אין די הענט. אַזעלכע מיידלעך, ווי דיין חיה, וועלן אַלץ אויספירן, וואָס זיי ווילן.

און איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מען חיהן אויסגעפוצט, און זי איז צוזאַמען מיט רב שכנאַן אַוועק אין שלאָס אַריין. רייטאַן האָט געמאָלדן דעם דוכס, וועלכער איז געזעסן ביי זיך אין קאַבינעט און האָט זיך געשפּילט מיט זיין געלערנטער קאַץ, אַז אַ יידישע מיידל וויל מיט אים ריידן.

—מסתמא, האָט זי עפּיס טענהס צו קהל,—האָט דער דוכס משער געווען.—רעכט, זאָל זי אַריין.

אין אַ רגע אַרום איז חיהלע אַריין אין צימער. דער פירשט איז אויפגעשפּרונגען אַ דערשראָקענער:

—אָ, בײַ אַלע הייליקע! דאָס איז דאָך אסתּרקע! דו ביזט אויך פון טויט לעבעדיק געוואָרן?—און ער האָט אָנגעהויבן אָפּטרעטן אויף הינטער, אַ דערשראָקענער און אַ בלאַסער.

היהלע האָט זיך אויך דערשראָקן. נאָר רייטאַן האָט איר אַ וואונק געטאָן, און זי האָט זיך גובר געווען און געזאָגט:

—מעכטיקער פּריץ, איך ווייס נישט, פאַר וועמען דו נעמסט מיך אָן, אָבער איך בין נישט אסתּרקע, נאר חיה, די טאָכטער פון דײַן סוחר שכנא.

דער מיידלס אָנגענעמע שטימע און אירע ווערטער האָבן באַרואיקט דעם פּירשט, און ער האָט זיך צוריק געזעצט אויפן שטול.

—שכנאס טאָכטער?—האָט ער זיך געוואונדערט.—ס׳קאָן זײַן, אָבער ווער זאָל עס טראַכטן. רייטאַן, גיב אַ קוק אויף דער מיידל און זאָג, צי איז זי נישט צוויי טראָפּנס וואַסער אסתּרקע, דעם קעניג קאַזימירס געליבטע, וואָס איר פּאָטרעט הייגנט בײַ מיר אין גאַלערעיע.

—יאָ, מײַן פּריץ, איך וואונדער מיך אויך,—האָט געענטפערט רייטאַן, וואָס האָט ערשט באַמערקט, אַז די ענלעכקייט, וועגן וועלכער דער פּירשט רעדט, איז טאַקי דאָ.

—זעסטו, נישט אומזיסט האָב איך זיך דערשראָקן,—האָט ראַדזיוויל געזאָגט.—מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אסתּרקע שטייט פאַר מיר. און איך האָב זייער מורא פאַר טויטע, וואָס ווערן צוריק לעבעדיק. זאָג זשע מיר, מיידל, וואָס פאַרלאַנגסטו?

—איך האָב אַ גרויסע בקשה צום פּריץ,—האָט היהלע געזאָגט זייער ערנסט,—אָבער די בקשה איז פאַר מיר גריילעך ווילכטיק.

—רעכט. זאָג. ווי גרויס דײַן בקשה זאָל נישט זײַן, וועל איך זי דערפילן.

—אָט וואָס מײַן בקשה איז: איך בין דאָך אַ כלה.

—אָ, ווער זשע איז דער גליקלעכער, וואָס איז דײַן חתן?

—דעם בריסקער רבס זון.

—איז ער, הייסט עס, אַ „שיינע מאָריינע”?

—יאָ, פריץ. אונזערע רבנים זייַנען ביי אונז אַזעלכע שיינע מאָריינעס, ווי ביי זייַך אייערע מאַגנאַטן, און וויבאַלד איך בין אַ טאָכטער פון דעם גרויסן ראַדזיווילס סוחר, פּאַסט מיר פאַר אַ חתן דעם גרויסן רבס זון.

—דו הערסט, דו הערסט, רייטאַן!—האָט ראַדזיוויל אַ געשריי געטאָן פריילעך.—דו הערסט, זי איז דאָך אַ חכמה! נו זאָג וואָס זשע פאַרלאַנגסטו? זאָג, שעם זיך נישט.

—איך בין אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט: שוין דריי יאָר, אַז איך בין אַ כלה און קאָן קיין חתונה נישט האָבן, און ווער ווייס, ווילאַנג דאָס קאָן נאָך דויערן. ווייל איינער אַ מענטש שטערט, און נאָר דער מעכטיקער פריץ קאָן מיך שיצן אַנטקעגן אים.

—וואָס זשע איז ער דערדאָזיקער שלעכטער מענטש, וואָס שטערט אַזאַ וואוילער און קלוגער מיידל חתונה צו האָבן?

—ער איז נישט קיין שלעכטער, דער מענטש, נאָר זייער אַ גוטער און גנעדיקער, נאָר... ס'טרעפט אַמאָל... איז ער אַ ביסל... פאַרשייט...

—ווער זשע איז דאָס?

—דער מעכטיקער פירשט ראַדזיוויל...

—איך? ווי אַזוי שטער איך דיר?

—דערמיט, וואָס ביים מעכטיקן פירשט ליגט מיין פאָטערס שבתדיקע שטריימל, און וועלכער איך קאָן צו דער חופה נישט גיין.

—כאַ־כאַ־כאַ!—האָט זיך דער פירשט געהאַלטן פאַר די זייטן פון געלעכטער.—דו הערסט, פאַניע קאָכאַנקו, רייטאַן,—אָן דער שבתדיקער שטריימל קען די מיידל נישט גיין צו דער חופה. איך האָב גאָרנישט געוואוסט, ס'אַראַ טייערן אוצר איך האָב געוואונען ביי מיין יידל. איצט פאַרשטיי איך שוין, וואָס ער האָט זיך אַזוי געבעטן... כאַ־כאַ־כאַ. נו שיינע מיידל. מיר פאַרדריסט זייער, וואָס איך האָב דיר נישטווילנדיק געשטערט אין דיין גליק. איך הייס נאָך היינט אומקערן דיין טאַטן די

שטריימל מיט דעמזעלבן פּאַראַד, ווי איך האָב זי אַמאָל גע־גומען ביי אים.
חיהלע האָט זיך פאַרנייגט און אַ קוש געטאָן דעם דוכּס אין האַנט.
—און דאָס איז אַלץ, וואָס דו בעטסט?—האָט דער פירשט גע־פרעגט.
—מער דאַרף איך גאָרנישט, גנעדיקער פריץ. דו טוסט מיט מיין פאָטער אַזויפיל חסד, אַז איך נויטיק מיך אין גאָרנישט.

—אָבער, פאַניע קאָכאַנקו, איך פאַרלאַנג דו זאָלסט עפּיס בעטן. מיר שטייט נישט אָן, אַז דו זאָלסט פון מיר אַוועק גלאַט אַזוי מיט ליידיקע הענט.
—נו,—האָט דאָס מיידל געזאָגט,—בעט איך, אַז דער מעכטיקער פריץ זאָל ביי מיר זיין אויף מיין חתונה. דאָס וועט פאַר מיר זיין אַ גרויסער כבוד און אַ גרויס גליק.
דער פירשט איז געוועזן גערירט פון דער מיידלס ווערטער.

—דו הערסט, רייטאַן, ס׳אַראַ חכמת דאָס איז!—האָט ער גע־זאָגט.—אָבער דאָס איז דאָך אויך אַ קלייניקייט, איך קום אָפּט אויף יידישע חתונות. דו בעט עפּיס אַ גוטע זאַך.
דאָס מאָל איז חיהלע צעמישט געוואָרן, און זי האָט שוין נישט געוואוסט, וואָס זאָל זי זאָגן.
—רייטאַן!—האָט דער דוכּס געזאָגט,—לערן איר דו אויס, וואָס זי זאָל בעטן.
—רעכט,—האָט רייטאַן אַ דערפרייטער געזאָגט,—אָבער צי וועט דערפילט ווערן אַלץ, וואָס איך וועל איר אויסלערנען צו בעטן?

—אַלץ, וואָס זי וועט זאָגן.
און רייטאַן האָט אָפּגעפירט די מיידל אָן אַ זייט און האָט איר שטילינקערהייט עפּיס געזאָגט. זי האָט אַ שמייכל געטאָן און גע־זאָגט צום דוכּס:
—אויב דער מעכטיקער פירשט וויל מיר באמת טאָן אַ גרויסע

טובה, זאָל ער באַפרייען דעם פּריץ רייטאַן פון זיין שטעלע.

דער דוכס איז, אַ פאַרוואונדערטער, געבליבן שטיין און האָט, כמעט אַ ברוגזער, געזאָגט:
—אָט דאָס גאָר האָסטו איר אויסגעלערנט צו בעטן!
—יאָ, מעכטיקער פּריץ,—האָט רייטאַן געזאָגט מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ.—איך בין שוין אַלט, איך דאַרף טראַכטן וועגן מיין אייגענער משפחה, איך וויל חתונה האָבן... איך בין דאָך דער לעצטער אין אונזער משפחה...
דער פירשט האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט זיך פאַר־טראַכט.
—אַזוי איז דאָס,—האָט ער נאָכדעם געזאָגט.—אַלע געטרייע מענטשן פאַרלאָזן מיך צו דער עלטער... נו, מילא. מיט גוואַלט קאָן מען נישט ליב זיין. נאָר געזאָגט, איז געזאָגט. ליבע שכנאָוו־נאַ, דיין בקשה דערפיל איך; רייטאַן איז פריי. גייט אייך גע־זונטערהייט, האָט חתונה, פרייט זיך. און איך וועל פאַרבלייבן אַן איינזאַמער. און אַז איך וועל שטאַרבן, וועט נישט זיין אַפילו, ווער עס זאָל קלאָגן. מ׳וועט זאָגן—געשטאָרבן, ווי אַ נאַר... נאָר זאָל מען זאָגן. ס׳מיר אַלץ איינס.
און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט, אַ גלעט געטאָן די וואָנסן.

—העי, ווער איז דאָרט! דערלאַנגט ווייַן! און שיקט אַהער טראַמאַנטאַנאָן. דערדאָזיקער שיכור וועט מיך נישט פאַרלאָזן, אַפילו ווען איך וועל אים טרייבן פון זיך. און אויף דיין חתונה, פּאַניע קאָכאַנקו, וועל איך געוויס קומען.
און ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט חיהלען און מיט רייטאַנען.